# לקט שיחות ק' בענין
# קיום מצות "פרו ורבו" ושלילת "תכנון המשפחה"
## שנאמרו בימות החול
## [רשימה מילולית מסרט-ההקלטה – בלתי מוגה]

## <u>תוכן השיחות</u>

### א. משיחת מוצש"ק פ' בא, יו"ד שבט ה'תש"ל ........ ה

ע"פ מ"ש בגמ' "אין משיח בא עד שיכלו כל הנשמות שבגוף" מובן, שהבאת ילדים בעולם אי"ז ענין שנוגע רק לקיום מצוה פרטי של "פרו ורבו", אלא **בזה תלוי' גאולתן של ישראל**! ושליחות מיוחדת זו תלוי' בעיקר בנשי ישראל. כאשר ההנהגה בבית היא כדרוש, נותנים לה כל הענינים הדרושים לגדל את הילדים לתורה ולחופה ולמעשים טובים מתוך הרחבה.

### ב. משיחת יום א' פ' שלח, טו"ב סיון ה'תש"מ (לנשי ובנות חב"ד) ........ ו

ברכה **הראשונה** שבירך הקב"ה, שזה מורה שהיא **העיקרית**, היא [כמ"ש בראשון דפ' בראשית] "**פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה**", שכדי להיות "**וכבשוה**" – "לכבוש" את ענינים בלתי-רצויים של העולם, צ"ל "**פרו ורבו** ומלאו את הארץ" כפשוטו – להתברך **בבנים ובנות** שיתחנכו ע"י הוריהם באופן "אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו לעשות צדקה ומשפט". ומזה שהברכה וה"תודה" לאשה [סוטה] שנמצאה טהורה היא – **עוד ילדים**, מוכח שה"תירוץ" שצריך לחכות עד שההנהגה בבית וה"שלום בית" היא בשלימות – **מופרך**, אלא **כל ילד יהודי** שמיתוסף, אפי' במשפחה שההנהגה שם היא **בלתי-צנועה**, הי"ז **ברכה** לכל המשפחה ולכלל ישראל! ואי"ז "**עול**" על ההורים – אלא **בן ובת**! והקב"ה, שהוא "הזן ומפרנס לכל", לוקח על עצמו האחריות לפרנסת הילד, ועם כל ילד שנולד, בא גם הכסף לפרנס אותו! וה"תירוצים" שקודם צריכים לוודא שה"שלום בית" והפרנסה ושהחינוך שהילד יקבל יהיו כדבעי וכו' – הרי אלו טענות של **היצר הרע** שהתלבש בסירטוק של משי עם אבנט! צריך לדעת שהדבר שנק' "**תכנון המשפחה**" אינו אלא **דבר המזיק**! רואים בפועל שזה מזיק לשלום בית ומביא בעיות לעצבים ורצים לרופאים וכו'. כ"ז בא כתוצאה מזה שמתערבים בתהליך **שהקב"ה קבע**.

מצוה הכי גדולה היא שיהודי ינהל את חייו לפי הוראות התורה, שזהו כלי לברכות ה' במילואן: ב"**בני**" – שמתברכים בילדים יהודים בריאים ושמחים. ב"**חיי**" – זה מביא **לחיים נורמלים וטובים**, ואדרבה – **דבר ידוע** שאין דבר **שמקשה** יותר על החיים כמו "תכנון המשפחה". וכאמור, אין להתערב ב"סדרים" של הקב"ה, אלא לסמוך ע"ז שרק **הקב"ה**, "בורא עולם ומנהיגו" ושמשגיח **בהשג"פ** על כאו"א, יכול להחליט בכמה ילדים טוב להתברך. וב"**מזוני רוויחי**" – שהקב"ה מביא פרנסה בהרחבה שתנוצל רק לדברים טובים ולבריאים. ואסור לחשוב "מה יכול כבר להשתנות ע"י מעשה הפרטי שלו?...", כמ"ש הרמב"ם שאפי' **מעשה א'** יכול להכריע את הכף ולהביא ישועה והצלה **לכל העולם כולו**, ועאכו"כ מעשה שע"י מעמידים **דורות בישראל**! ו"הבא לטהר – **מסייעין אותו**"!

### ג. משיחת ו' תשרי ה'תשמ"א ........ יב

אין מקום לשקו"ט אם קיימו כבר מצות פרי' ורבי' אז מהו ההכרח לעוד ילד וכו' – מצוה **הראשונה** בתורה היא "פרו ורבו" עד ש"**ומלאו את הארץ וכבשוה**"! ופסק-דין **בהלכה** הוא **שכל ילד** הוא '**עולם מלא**"! ואם יש איזה טעם **אמיתי** לדחות אי"ז – יש לסמוך בזה על **הקב"ה** שהוא "עצם הטוב", ומשגיח **בהשגחה פרטית** על כל **אחד ואחת** שכ"א מהם הוא "**עולם מלא**" (במכ"ש וק"ו מהשגח"פ אפי' על **עלה** שנפלה מאילן וכו'), ואין להתערב בזה ח"ו (אא"כ ישנו פס"ד ברור בתורה)!

### ד. ה' חלקים משיחת אור לכ"ד טבת ה'תשמ"א ........ יד

מובא במדרש בקשר למכת דם "מפני מה הביא הקב"ה עליהן דם – מדה כנגד מדה ... לפי שלא היו מניחין בנות ישראל לטבול מטומאתן כדי שלא יהיו פרין ורבין, לפיכך לקו המים בדם". **וההוראה**: על כל אחד ואחת לעשות את כל התלוי בו/בה לבטל גזירת פרעה זו ע"י הענין של "פרו ורבו ומלאו את הארץ". וכשעושים בפועל את הכלים לזה, מתקיים המשך הפסוק – "**וכבשוה**": כאשר "**כובשים**" את כל החשבונות שמצד ה"**ארציות**" וחומריות שעושים בקשר לזה (כמה כסף או טירחא כרוך בזה, חשבון הצער שכרוך בלידת וגידול ילדים ובמילא לא יוכלו לעסוק בתומ"צ במנוחת הנפש, ואפי' החשבון שע"י"ז לא יוכל ליהנות כ"כ מעניני עוה"ז וכו'), עי"ז שהאב והאם מתבוננים מה אומרת **הנשמה שלהם**, שהיא "**חלק אלוקה ממעל ממש**", ומה אומר **הקב"ה**, על כל "חשבונות" אלו, הרי מובן שאין מקום לשאלה מלכתחילה – אז יתקיים ה"**וכבשוה**" **בפשטות ובגלוי**, שנהיים כלים ל"ברכת ה'", לא רק ל"די **מחסורו**" – לכל הצרכים **הנחוצים** כתוצאה מהולדת עוד ילד, אלא "היא **תעשיר**" גם **בגשמיות**! צריך לדעת **שהקב"ה**, שהוא **הבעה"ב היחיד** על הלידה בפועל, והוא "**עצם הטוב**", הרי **הוא** זה שבוחר מתי הזמן **הכי טוב** שהילד יוולד. והדבר היחיד שהקב"ה נתן לבחירת האב והאם בזה

(כי הקב"ה רצה שגם הם יהיו "**שותפים**" ["**תואר נפלא**"] בזה) הוא – שבידם **למנוע** או **לעכב** זאת. [אא"כ במצב ש**הרב**, שאינו נוגע בדבר, פוסק שזהו מצב של סכנת-נפשות ר"ל, אזי נעשית הוראה **התורה** לדחות זאת].

## ה. משיחת ר"ח שבט ה'תשמ"א ........ יח

להתחלת קיום המצוה של "פרו ורבו", אכן זקוקים לה"אתערותא דלתתא" של הב' שותפים – האב והאם, אבל קיום המצוה **בפועל** תלוי **לגמרי** רק בשותף הג' – **הקב"ה, כח הא"ס**. והוא יודע מתי הזמן **הטוב ביותר** לזה עבור הילד, האב והאם. אלא שמצד "**טבע הטוב**" גופא אינו רוצה **להכריח** בזה ונותן לאב ולאם הבחירה האם לאפשר את ברכת ה', ועי"ז יהיו גם הם "שותפים" בזה. אבל כאשר אין סומכים על המועד **שהקב"ה** רוצה (אע"פ **שהם בעצמם** אומרים ורואים בפועל שהוא "זן את **העולם כולו** וכו'", ובודאי שבכחו לזון **בנו ובתו**!), ומערבים בזה רצון **אישי** ועושים "חשבונות" וכו' – הרי עי"ז נחסר ה"כלי" לברכת ה'. שהרי כדי להיות "**שותף**" ראוי, צריך להתחשב בדעתם של שאר השותפים ועאכו"כ בדעתו של **הקב"ה**! (וכההוראה ממ"ש הקב"ה למשה (כמסופר במדרש) "כשרצ**יתי** – לא רצ**ית**", ולכן "וראית את אחורי **ופני לא יראו**" וכו'). ואע"פ שצריכים לעשות "כלי" עפ"י טבע לברכת ה', אבל לא יעלה על הדעת לעשות על יסוד זה **היפך השו"ע**!

ה"חשבון" לדחיית הלידה של עוד ילד כדי שיוכלו להתעסק בזמן הפנוי ב"**מבצעים**" – ה"ז בא **מהיצה"ר**, שהרי הקב"ה יודע גם "חשבון" זה, ואם הוא יברך בעוד ילד, ה"ז גופא הוכחה שזה חשוב **עוד יותר שלא בערך** לקיום כללות עם ישראל! ובפרט שזה גופא **יוסיף** בהצלחת ה"מבצעים" אח"כ!

ה"טענה" שעפ"י **תורה** "לא נבראה אשה אלא ליופי", יופי רוחני אבל גם יופי **גשמי** [אלא שצריך לנצל את היופי "(כל כבודה בת מלך) **פנימה**", באופן של **צניעות**, שעי"ז זוכים לכל טוב בעולם], **והגמ' עצמה** אומרת שעיבור ולידה פוגעים בזה – הרי הקב"ה יודע גם מזה, אבל זהו רק **לפי שעה** (כדי שהאשה תוכיח שהיא עומדת **בנסיון**), והוא **הבטיח** ש"לא נבראה אשה אלא ליופי", ולאחרי הלידה נעשה בזה "**יתרון** האור"! (ע"ד דיני פרישות נדה מבעלה, שאין בזה משום לגרום סבל וכיו"ב ח"ו, אלא אדרבה – שמירת דינים אלו גורמת שהאשה תתחבב על בעלה **שלא בערך יותר**).

נקודה נוספת: כאשר מסתכלים מה קרה **בפועל** במשך ב'-ג' דורות האחרונים, יראו **בעיני בשר**, שבאותן משפחות שסמכו בזה רק על חשבונו של הקב"ה, הנה השלום-בית, בריאות ההורים, הפרנסה ואוירת השלוה בבית, היו **טובים יותר בפועל** מבאותן משפחות שהתנהגו בזה לפי "חשבונות" שלהם, למרות שעברו צער העיבור והלידה וצער גידול בנים בב' או ג' פעמים יותר מה"שכנה"! ומכיון שאלו הם **תוצאות בפועל** ולא "**השערות**" בעלמא – אין מקום להתווכח בזה! מיותר אפי' לשאול רבנים או להסתכל בספרים – יש רק להסתכל על **הסבים והסבתות** ויראו בפועל היכן היו יותר חיים של אושר וקירוב הלבבות, והיכן היתה האשה יפה יותר באמת וכו'...

מצינו דבר פלא: **כל אחת** מהד' אמהות שרה רבקה רחל ולאה עמדה על כך בתוקף, תבעה והתפללה **לזכות בילדים**, עד **שפעלו** זאת! ואם **כל** ענין בתורה וכל הנהגה שבה הצטיינה אפי' **א'** מהאמהות – מהווה **הוראה**, עאכו"כ ענין שהוא **צד-השווה** אצל כל האמהות, והוא ענין **יסודי ועיקרי**.

## ו. ב' חלקים משיחת יום ה' פ' בשלח, יו"ד שבט ה'תשמ"א ........ כז

נשיא דורנו אמר בשמו של כ"ק אדמו"ר מהר"ש שפרנסתו של יהודי בזמן הזה הוא בדוגמת ה"**מן**" שהוא "**לחם מן השמים**", כי אין לזה מקום בדרך הטבע. זה שהאדם עוסק בעניינים הקשורים ב"לחם מן הארץ" אינו אלא "**לבוש**" שצ"ל בדרך הטבע, אבל "ברכת ה' **היא תעשיר**"! ובמילא מהי התועלת בעריכת "חשבונות", שקודם עליו לדאוג שיהי' לו מספיק כסף, דירה ולבושים וכו', ורק אח"כ יחשוב אודות קיום מצוות ה' "פרו ורבו" באופן ד"מלאו את הארץ" – הרי כל זה אינו אלא **הלבוש**. **לכל לראש** עליו לדאוג בהכנת ה"לחם מן **השמים**", שזהו **העיקר**, ולהתנהג עפ"י ה"**תורה** מן השמים" – לדאוג שיהיו לו **בנים ובנות עצמם**. ויתירה מזו: ארץ ישראל ובני ישראל נמשלו ל"**צבי**" ש"**עורו גדל לפי בשרו**", ובכן, אפי' אם נראה שכל מה שעמל לפרנסתו אינו מספיק עבור הילדים שיוולדו, אי"ז הוכחה כלל – שהרי הפרנסה מגיעה **יחד עם הילד ובגללו**! אלא שלפעמים נותן לו ה' פרנסתו בהרחבה **תחילה**, כי סומך עליו שיבין שזהו בשביל הילדים שעליו להביא לעולם, ויעמוד בנסיון ולא יתחשב בכל החשבונות שהם בגדר "**תחבולות אנוש**" ו"**שטויות**" – לוותר ר"ל על הנחת שהקב"ה רוצה לתת למעלה ממדידה והגבלה ע"י עוד בנים ובנות שיחנכו אותם בדרך התומ"צ, אף שברור שפרנסת יהודי בזמן הזה אינו אלא "**לחם מן השמים**"!

## ז. משיחת יום ג' פ' יתרו, ט"ו בשבט ה'תשמ"א ........ ל

התחלת דבור ראשון של עשרת הדברות היא "אנכי ה' **אלקיך** אשר הוצאתיך מארץ מצרים" – בלשון **יחיד**! ומזה מובן גודל החשיבות של כל **נשמה פרטית** מישראל. ובמילא כשא' טוען שיש לו כבר כו"כ ילדים ועוד מעט בא משיח ובשביל מה להשתדל לעשות את כל התלוי בו שיוולד עוד ילד א'?! – אומרים לו שבפרשה זו [פ' יתרו] ישנה תשובה ברורה: משה, אהרן, השבעים זקנים וכל המרכבה וכו' עמדו ושמעו איך הקב"ה אומר לילד זה שיוולד "**אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים**"! והסברה זו היא כ"כ פשוטה שלא צריכים לזה "דובנער מגיד" וכיו"ב – אלו הם דברים פשוטים שנלקחו מחומש!

## ח. משיחת יום א' פ' במדבר, כ"ג אייר ה'תשמ"ב (לנשי ובנות חב"ד) ........ לג

**הזכות והאושר הכי גדול** של אם בישראל הוא להביא עוד ילד לעולם! וה"שותף" השלישי, הקב"ה, ש"לי הכסף ולי הזהב", דואג לכל המצטרך, כסף ובריאות, לחינוך הילדים, ולקבל מהם רוב נחת בתוך בריאות. הזכות והאחריות של בת ישראל לקיים הציווי "פרו ורבו וגו'", ולעשות זאת **בשמחה וטוב לבב**.

## ט. ב' חלקים משיחת כ"ף מנחם-אב ה'תשמ"ב ........................................................................ לד

יש לסמוך על הקב"ה, שבשעה שהוא מעניק ילד – ה"ז **ברכה ואושר הכי גדול** להורים ולכל המשפחה! ולא להתערב בהנהגתו. אין להתחשב בפיתויים שמקורים ב"מלך זקן וכסיל", שהם היפך האמונה שהקב"ה הוא הזן בטובו את **כל העולם כולו** ועוד ילד לא יקשה עליו, ואדרבה – ביחד עם לידת הולד, "נולד" גם ה"צינור" לפרנסתו ומביא **הוספה** בפרנסת **כל הבית כולו**! **ואשרי חלקן וגדול זכותן** של כל האמהות בישראל שהתנהגו כך **עד עתה**, ויתנהגו כך **מכאן ולהבא**.

## י. משיחת ח"י אלול ה'תשמ"ב........................................................................................... לה

ביום הולדת של ילד, אפי' **בן שנה**, על ההורים ללמוד ענין בתורה ולתת צדקה לזכותו, ולהתבונן **באושר הכי גדול** שה' נתן להם בהעניקו להם ילד זה ע"מ לחנכו בדרך התומ"צ וכו'. ובנוגע להטענה שהילד אינו מבין כלום – אומרת התורה שהנהגת ההורים, לא רק ברגע שהילד יצא לאויר העולם, אלא גם **ט' חדשים קודם שנולד**, נוגע לילד ולבניו אחריו **עד סוף כל הדורות**! וכמסופר בגמ' "שבעה בנים היו לה לקמחית **וכולן שימשו בכהונה גדולה**. אמרו להם חכמים מה עשית שזכית לכך, אמרה להם **מעולם לא ראו קורות ביתי קלעי שערי**"! היינו שהנהגתה בתכלית הצניעות גם בהיותה **בביתה לבדה**, פעלה והשפיע על בני' ועל בניהם וכו'. וזוהי הוראה לכל בת בישראל עד כמה חשוב הזהירות בענין זה לא רק **לעצמה** אלא גם **לילדים** וכו'.

## יא. משיחת אור לכ"ט אלול ה'תשמ"ב, ערב ר"ה ה'תשמ"ג ............................................... לז

המשנה אומרת **ענין נפלא**: ש"לפיכך נברא אדם **יחידי** ללמדך ש..**נפש אחת** מישראל .. **עולם מלא**". אומרים לכל יהודי, בכל מקום ובכל זמן: הקב"ה ברא את האדם באופן **שונה** מכל הנבראים, יחידי, כדי שתדע **שהנך** "עולם מלא"! ואי"ז מפני שלמד תורה וקיים מצוות, כ"א **תיכף ומיד שיצא לאויר העולם** ה"ה "עולם מלא"! זה מחזק עוד יותר מה שדובר כמ"פ אודות מצות "פרו ורבו", שגם לאחרי הולדת בן ובת, **וכמה** בנים ובנות, יש להשתדל בהולדת ילדים **נוספים**, כי כאשר נוסף ילד יהודי **א'**, נוסף כאן "**עולם מלא**" במצב של "**גן עדם מקדם**" כפי שזה הי' כשהאדם נברא יחידי! ומכיון שכן, מובן שאין מקום לשאלות מהיכן יקחו את הכח וכיצד יוכלו לספק את כל צרכיו של הילד וכו', כמו שלא יעלה על הדעת לשאול כך בקשר לבריאת אדה"ר בהיותו "**בגן עדן מקדם**"! ומזה גם מובן עד כמה נוגע ההשתדלות בחינוך של **כל ילד** נוסף לתורה ולחופה ומעש"ט – כאילו הוא "**יחידי**" "**בגן עדן מקדם**"! ובודאי שהקב"ה נותן להורים את כל הכחות הדרושים לגדל את הילד הן מבחינה גשמית והן מבחינה רוחניות.

## יב. ב' חלקים משיחת יום א' פ' במדבר, כ"ה אייר ה'תשמ"ג (לנשי ובנות חב"ד) ........ מ

מסופר בגמ' עד כמה השתדלו נשי ישראל במצרים להגדיל את מספרם של בנ"י ע"י כללות הענין ד"פרו ורבו", מתוך אמונה ובטחון בה', ולא עשו "חשבונות" שאין הזמן מתאים לזה בגלל גזירת פרעה "כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו" וכו'. והגמ' מספרת **שילדה קטנה**, מרים, היא זאת שביטלה "חשבונות" כאלו של אבי' עמרם, וכתוצאה מכך נולד משה, "**מושיען של ישראל**"! וההוראה: 1) אין לדחות קיום מצות "פרו ורבו" בגלל "חשבונות" של פרנסה וכיו"ב, כי **הקב"ה** הוא זה ש"זן ומפרנס את **העולם כולו**"! ואף שהקב"ה רוצה שהפרנסה תבוא ע"י עשיית "כלי" בדרך הטבע, אבל זה גופא צ"ל ע"פ רצונו ית'. וכאשר ההורים ממלאים את חלקם ב"שותפות" הילד, שזהו הדאגה לעניניו **הרוחניים** – **שהנשמה** של הילד, שהיא ""**חלק אלוקה ממעל ממש**", תאיר בו בגלוי, עי"ז שדואגים שיקבל חינוך בדרך התומ"צ **בתכלית השלימות** (ולא חוסכים זאת בגלל ההוצאות כספיות וכו') – אזי ממלא **הקב"ה** את חלקו ב"שותפות" ודואג לכל עניניו **הגשמיים** של הילד (פרנסה ובריאות וכיו"ב). 2) גם ה"חשבון" של מה בכך שיוולד **עוד ילד א'**, ובפרט שנמצאים **בגלות** וכו' – מופרך: עי"ז שנשי ישראל במצרים ביטלו "חשבון" כזה נולד "**מושיען של ישראל**" **שביטל את גלות מצרים**! ועד"ז לידת עוד ילדים בזמננו אי"ז רק הזדמנות **פרטית** של ההורים אלא זה נוגע לזירוז גאולת **כלל ישראל מהגלות**!

## יג. משיחת וא"ו תשרי ה'תשד"מ ........................................................................................ מג

אצל "חנה" הראשונה מוצאים אנו שהיא לא הסתפקה בשום דבר, ועשתה את הכל כדי שיהי' לה "זרע אנשים"! והיא גם מסרה את נפשה על חינוכו של הילד וכו'. וההוראה: תפקידה של כל אשה ובת בישראל הוא לעשות **כל התלוי בה** בנוגע קיום מצות "פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה". (אף שה"**כיבוש**" עצמו היא עושה **על ידי בעלה**, שה"**איש** דרכו לכבוש", אבל הענין ד"**פרו ורבו ומלאו** את הארץ", לשון **רבים**, הוא ציווי **לשניהם**, הבעל והאשה).

## יד. ב' חלקים משיחת י"ג תשרי ה'תשד"מ ............................................................................. מד

מסופר בהפטורה של ר"ה איך שחנה הנביאה **מסרה את נפשה** כדי שיוולד לה ילד, וכשנולד – קראה אותו **שמואל** ע"ש "**שאילתהו** לה'". ובזה ב' פירושים: מלשון **השאלה** ומלשון **מתנה**. וההוראה: 1) כמה צריכים "**להרעיש עולמות**" שיוולד עוד ילד (אפי' אם כבר יש הרבה ילדים). ואפי' אם עושים "חשבונות" ומתכננים ומקבלים "היתר" וכו' – הרי כשיעשו חשבון **צדק** אין ספק לאיזה מסקנא יבאו, ויסמכו על החשבונות של **הקב"ה** מתי הזמן הטוב ביותר וכו'. 2) מצד א' יש למסור הילד **במתנה** להקב"ה ובמילא הוא ידאג לגו"ר של הילד, אבל, מצד שני, צ"ל הענין ד"**השאלה**" (בלבד), כי הקב"ה רוצה שיהי' קשר תמידי בין ההורים לילד, ושגם **הם** יעשו חלקם וכו'. ובענין "השאלה" מרומז גם שנתינת הקב"ה את הילד **להורים** הוא "**בהשאלה**". והרי הדין הוא ש"שאילה בבעלים **פטור**" על הכל, וא"כ, מכיון שהקב"ה, ה"בעלים", נמצא אתו תמיד – "והנה ה' נצב עליו וכו'", אין להעניש אותם ח"ו בשום מצב וכו'.

## טו. משיחת י"א ניסן ה'תשד"מ ............................................................ מז

יש לקיים מצות "פרו ורבו ומלאו את הארץ" **בגשמיות כפשוטה**! כמדובר כמה פעמים אודות **גודל הברכה והזכות** שיש להורים בזה. ובקשר להטענה אודות הוצאות הפרנסה וכו' – הנה על זה באה ההוראה שהציווי ד"פרו ורבו וגו'" נאמר לאדם הראשון ביום שנברא, שהי' ביום **הששי** כדי שימצא **הכל מוכן לסעודה**! ועי"פ מאחז"ל "לפיכך נברא האדם יחידי" כדי ללמד **שכל יהודי** הוא "**עולם מלא**", מובן, שכאשר הנהגת האדם היא כפי רצונו ית', אזי נותן לו הקב"ה את **כל צרכיו** – "עולם **מלא**" – **מן המוכן!** (ורק צריך לעשות **כלי** בדרך הטבע)

## טז. משיחת יום ב' פ' האזינו, ז"ך אלול ה'תשד"מ (לנשי ובנות חב"ד)............................ מח

**כל** "מצוה הבאה לידך – אל תחמיצנה", ובפרט מצוה **העיקרית** שקיומה הופקד בידי האשה – מצוה **הראשונה** בתורה "פרו ורבו ומלאו את הארץ". אין לערב בזה חשבונות אישיים, שכדאי לחכות בזה עד שיאספו סכום מכובד של כסף, יקנו בית ורכוש וכו', אלא יש לסמוך בזה **לחלוטין** על "שותף" השלישי – **הקב"ה** – שיברכם בילד שיאריך ימים ושנים במועד המתאים ביותר! "יש על מי לסמוך"!

## יז. ב' חלקים משיחת ו' תשרי ה'תשמ"ה ............................................................ מט

התורה העניקה לנשים **השליחות העליונה ביותר** – להעמיד ולגדל דור חדש שיהווה **המשך לדור של מ"ת**! ע"י שישתדלו בענין "פרו ורבו", שזה, וגידול הילדים, תלוי בעיקר **בנשים**. ודוקא כשהאשה עושה **זאת** – ה"ה ממלאת את **תפקידה** העיקרי ומשיגה את **שלימותה העצמית**. וכאשר "מתכננת" ודוחה זה עד לאחרי שתרוויח כסף ותבנה שֵׁם לעצמה וכו', ורק אז תתחיל לחשוב מתי וכמה ללדת – ה"ז מופרך לגמרי גם **בשכלו של נפש הבהמית**, ואפי' של **עם הארץ**! גם את **הבנות** יש לחנך כך – למלא **שליחותן** להיות "עקרת הבית"!

## יח. משיחת ט"ז אדר ה'תשמ"ז ............................................................ נא

כתוב "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכ**ם**" – "בתוך כל **אחד ואחת** מישראל". והיינו, אף ש"**השמים ושמי השמים לא יכלכלוך**", אבל בלבו של כל יהודי, אפי' **תינוק קטן** שאך יצא לאויר העולם, כן שורה **השכינה בכל עצמותו**! ומזה מובן גודל האחריות המוטלת על שכמם של הורים עבור כל ילד וילדה. ואעי"פ שזה קשור לפעמים עם טירחה גדולה, אבל איזה ערך יש לכל הטירחא כאשר מתבוננים שבלבו של תינוק קטן זה **שוכנת עצמותו של הקב"ה**! ומזה מובן עד כמה יש להשתדל בחינוכם המתאים, החל **מחינוך עצמו** להיטיב א"ע עוד יותר, שהרי מדובר כאן ע"ד החינוך של ילד שבו שורה השכינה! ומובן גם **גודל השכר** על חינוך ילד כזה. ומזה מובן גם בנוגע המדובר כמ"פ שעל כ"א לעשות כל התלוי בו/בה לקים מצות "פרו ורבו": אין מקום כלל לדאגה של פרנסה וכיו"ב, שהרי **הקב"ה** "**מוכרח**" כביכול לדאוג שה"דירה" שבו הוא שוכן, ילד זה, יהי' "**בריא ושלם**" עם כל צרכיו הגשמיים והרוחניים! דאגות האמורות באות מהיצה"ר שהוא "מלך **זקן וכסיל**", וה"ז **בושה וחרפה** להתחשב עם טענותיו!...

## יט. ב' חלקים משיחת ליל ו' דחג הסוכות ה'תשמ"ח............................................ נד

**נחת האמיתי** של יהודים היא – שמתברכים בילדים ונכדים,ורווים מהם נחת חסידי [ונחת באופן של "**מלכתחילה אריבער**" – שעוד **לפני** שמתחילים לחנך אותם, באים **הילדים** בעצמם ותובעים שיספרו להם, **ובכל הפרטים**, על האבות וצדיקי עולם, האם היו להם נסיונות והאם הם חשבו **עליהם** – הנכדים שלהם וכו']. ולא מתחשבים בעניני "תכנון משפחה" (ענין שאין להזכיר במקום קדוש), אלא כ"א עושה כל התלוי בו להתברך **בבנים ובנות** וכו'.

## כ.  משיחת י"א שבט ה'תשמ"ט בעת ה"יחידות כללית"....................................... נה

כמו שביציאת נאמר ש"**בזכות נשים צדקניות** שבאותו הדור יצאו אבותינו ממצרים", עד"ז יהי' בגאולה האמיתית והשלימה. בזכות זה שהן העמידו בישראל דורות של בנים ובני-בנים, ומתוך **שמחה וטוב לבב**, בבטחון גמור בהקב"ה שיספק להם פרנסה כדרוש.

## א. משיחת מוצש״ק פ׳ בא, יו״ד שבט ה׳תש״ל

### הנחה פרטית בלתי מוגה

**א.** ...איז זאָגט דאָך אויך די גמרא, אַז ״אין משיח בא עד שיכלו כל הנשמות שבגוף״,

און ווי תוס׳ טייטשט דאָס אָפּ, אַז נשמות ישראל האָבן אַ ״גוף״, אַן ״אוצר״ בפני עצמו, וואו זיי געפינען זיך – דאַרף מען ממשיך זיין פון דאָרטן קינדער, נשמות, בנים ובנות, וואָס זיי וועלן אויפשטעלן די ״צבאות הוי׳״, וואָס מיט זיי וועט מען אַרויסגיין פון דעם גלות, און אין דערויף איז תלוי די גאולה.

וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק, שלא כדעת הטועים און ווילן זיך מפלפל זיין בנוגע צו ״בוירט קאָנטראָל״ וכו׳ וכו׳, מיט די אַלע ענינים – מגלה פנים בתורה שלא כהלכה:

דאָס איז ניט נאָר אַן ענין פרטי פון קיום המצוה וואָס זי איז די ערשטע בתורה, ״פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה״, נאָר דאָס איז אויך אַן **ענין כללי – בזה תלוי׳ גאולתן של כל ישראל**, ס׳זאָל זיין דער ״יכלו נשמות בגוף״ דורך האָבן קינדער, בנים ובנות, דאָ למטה, נשמה בגוף, וואָס דעמאָלט איז ״משיח בא״, וואָס יגאלנו מן הגלות המר.

**ב.** וואָס דאָס איז אויך די שליחות מיוחדה, וואָס הענגט אָפּ בעיקר אָן נשי ובנות ישראל בכל מקום שהם, על אחת כמה וכמה אָט די וואָס ווייסן שוין פון תורתו והוראותיו והדרכותיו פון דעם בעל ההילולא, און די צו וועמען דאָס וועט דערגרייכן היינט און מחר, עכשיו, און ״מחר״ אויף מאָרגן, און ״מחר״ אפילו לאחרי זמן,

איז דורך דערויף וואָס זיי וועלן מוליד זיין בנים ובנות, [און] אָט די בנים ובנות וואָס זיי האָבן שוין – וועלט זיי מוליד זיין מחדש, וואָס ״כל המלמד את בן **חבירו** תורה״, על אחת כמה וכמה בנו של עצמו תורה, איז ״כאילו ילדו״ – מאַכט ער אַ נייע מציאות,

איז דורך הנהגתם, אַז ס׳וועט זיין דער דער ביתם בישראל אַ בית וואָס דער אויבערשטער זאָגט אויף דעם ״ושכנתי בתוכם״, דאָרט רוט דער אויבערשטער און דאָרטן שטעלן זיי אויף די ״צבאות הוי׳״ בדרכי צניעות, און מ׳שטעלט דאָס אויף אין אַן אופן פון ״וירב העם ויעצמו במאוד מאוד״ –

גיט מען זיי כח, אַז זיי זאָלן האָבן כח, און אַלע ענינים וואָס מ׳דאַרף האָבן, אויף מגדל זיין זיי מתוך הרחבה ומתוך בריאות הנכונה ומתוך שמחה וטוב לבב, און מגדל זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

## ב. משיחת יום א׳ פ׳ שלח, טו״ב סיון ה׳תש״מ (לנשי ובנות חב״ד)

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

**א.** דערנאָך קומט נאָך צו נאָך אַ צווייטער געביט, וואָס דאָס איז נאָכמער פּאַרלאָזן, און דאָס איז זיכער דער העכסטער תפקיד פון אידישע פרויען, און דאָס איז – ווי איך זע אַז מ׳האָט שוין וועגן דעריף גערעדט אויף דעם צוזאַמענקונפט, ״קאָנווענשאָן״, ביז וואַנענט אַז מ׳האָט דאָס אויך אָפּגעדרוקט,

וואָס דאָרטן פעלט אָבער די **הקדמה**, און ס׳פעלט אויך דער **אויספיר**, און דאָס איז וועגן דעריף:

וואָס דער אויבערשטער בענטשט אידן, און יעדער מענטשן, איז די העכסטע ברכה, וואָס דערפאַר שטייט זי אַלס ערשטע ברכה פון דעם אויבערשטן אין תורה, [וואָס תורה ווערט אָנגערופן ״תורת חיים״, אַן אָנווייזונג אין טאָג-טעגלעכן לעבן], איז די ערשטע ברכה וואָס דער אויבערשטער האָט געזאָגט און געגעבן און איבערגעגעבן, דורך אדם הראשון און חוה, צו אַלע דורות נאָך דעריף – איז געווען, אַז ער וועט זיי בענטשן מיט קינדער און קינדס-קינדער, ביז וואַנענט אַז ס׳וועט זיין ״ומלאו את הארץ וכבשוה״: מענטשן וועלן איינגעמען די **גאַנצע** וועלט און זיי וועלן איר אָנפילן און איינגעמען, אַז די וועלט וועט אויסזען ווי אַ **מענטשלעכע** וועלט – ניט אַ וועלט פון ווילדקייט, ניט אַ וועלט פון העדר המוסר וכו׳.

וואָס דערצו דאַרף מען האָבן אַז ס׳זאָל זיין אָנגעפילט מיט מענטשן; מענטשן וואָס אין זיי דערקענט מען, אַז זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן דורך דעם אויבערשטן, און אָט דעמאָלט איז ״ויברך אותם״ – איז אַ זיכערע זאַך, אַז דער אויבערשטער בענטשט זיי מיט הצלחה.

וואָס דאָס איז אין איינפאַכע ווערטער – איך בין דאָך ניט אויסן האַלטן קיין דרשות – אין איינפאַכע ווערטער איז:

אָט דאָס וואָס דער אויבערשטער **וויל** געבן יעדער אידישע הויז, און **גיט** יעדער אידישע הויז, אַ ברכה אין **אַלע** ענינים, און ער וויל, אַז די הויפּט-ברכה זאָל מען אַנערקענען דעם אמת, אַז מ׳ווערט געבענטשט בבנים ובנות, מיט קינדער, מיט אינגעלעך און מיידעלעך,

וואָס אַ זיכערע זאַך, אַז דער פאָטער מיט דער מוטער וועלן וועלן – וועלן זיי זיכער אויספירן, אַז די קינדער וועט אין זיי מקויים ווערן וואָס מ׳האָט אָנגעזאָגט אברהם אבינו און שרה אמנו, אַז ״ושמרו דרך ה׳ לעשות צדקה ומשפט״, ״יצוה את בניו ואת ביתו אחריו״; ס׳וועט זיין אַזוינע קינדער, וואָס זיי וועלן אָנזאָגן **זייערע** קינדער, אויך דורך אַ לעבעדיקן ביישפּיל, אַז זיי וועלן אַזוי טאָן – אָפּהיטן דעם אויבערשטנ׳ס וועג,

וואָס זי באַשטייט, אין כללות, אויף צו טאָן ״צדקה״, וואָס דאָס איז דער ענין פון – ווי געזאָגט פריער – גמילות חסדים, און אויך ״ומשפט״, וואָס דאָס איז דער ענין פון תורה און תפילה,

פאַרשפּרייטן מענטשלעכקייט, [וואָס אמת׳ע מענטשלעכקייט איז דאָך באַגרינדעט אויף תורת חיים וואָס זי איז אויך תורת אמת], כדי דאָס זאָל אָנקומען אין אַן אופן, אַז די וועלט זאָל זיין אָנגעפילט מיט אידישקייט און גוטסקייט, און אין אַן אופן [פון] ״וכבשוה״ – אַז מ׳זאָל איינעמען די אַלע ניט-גוטע זאַכן וואָס זיי שטערן דערצו –

דערצו דאַרף מען האָבן דעם ״פרו ורבו״, וואָס דעמאָלט איז ״ומלאו את הארץ״ – אין פשטות: אַז אידן זאָלן אויפנעמען און מקיים זיין דעם אויבערשטנ׳ס ברכות וואָס ער גיט זיי, אויף געבענטשט ווערן בבנים ובנות.

**ב.** און אויף דעריף איז אויך געקומען די רייד וואָס מ׳האָט אויך אָפּגעדרוקט, וואָס כאמור – ווי געזאָגט – דאָרט פעלט דער אַריינפיר, און דאָס איז:

אַז אפילו ווען ס׳רעדט זיך וועגן אַ הויז וואָס דאָרט זיינען די באַציאונגען צווישן דעם מאַן מיט דער פרוי ניט ווי ס׳דאַרף-צו-זיין, רחמנא ליצלן, אפילו אַז ס׳רעדט זיך וועגן אַ הויז וואָס די פרוי פירט זיך אויף ניט צניעות׳דיק ווי דער אויבערשטער וויל, ווי ער האָט אָנגעזאָגט אין דער תורה, אפילו אַז ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט אַז ס׳איז געקומען צו דעם כהן, און אין

משכן און אין מקדש, מיטן גאַנצן ענין וואָס ס'ווערט דאָרט דערציילט.

וואָס דאָס איז דאָך איינע פון די סיבות שונות ומשונות, אַז מ'פרעגט: פאַרוואָס ביסטו ניט מקבל דעם אויבערשטנ'ס ברכות אויף קינדער און קינדס-קינדער – הויבט מען אָן זוכן תירוצים, און דער ערשטער תירוץ איז, אַז פריער דאַרף מען איינשטעלן, אַז די באַציאונגען פון דעם מאַן און דער פרוי זאָלן זיין זיכער ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, דערנאָך דאַרף מען זיין זיכער, אַז די אויפפירונג פון דער הויז וועט זיין אויך זיכער אויף אַלע הונדערט פּראָצענט, און ערשט דערנאָך וועט מען **אויספּלאַנירן** און מאַכן אַ פּלאַן, צי מקבל זיין דעם אויבערשטנ'ס ברכות צי ניט!

דערציילט תורה, אַז אפילו אַזאַ הויז וואָס די באַציאונגען זיינען **ניט** ווי ס'דאַרף צו-זיין, אפילו אַזאַ הויז וואָס די צניעות און די אויפפירונג פון דער הויז איז **ניט** קיין צניעות'דיקע –

זאָגט דער אויבערשטער, אַז די גרעסטע ברכה, וואָס דאָס וועט פאַרגעבן אויף די פאַרשידענע יסורים, רחמנא ליצלן, וואָס ער קען ווינטשן און אָפּדאַנקען דער פרוי וואָס זי איז "טהורה היא" – איז דאָס דורך דעם וואָס ער וועט איר בענטשן, און איר מאַן, אַז ס'וועט צוקומען נאָך קינדער אין דער הויז!

וואָס דערפון פאַרשטייט מען, אַז די הייזער וואָס דער אויבערשטער האָט זיי געבענטשט מיט שלום-בית, אָט די הייזער וואָס פירן זיך לויט ווי דער אויבערשטער וויל, לויט זיין ווילן, וואָס דאָס ברענגט אַראָפּ אַ תוספת ברכה, אַז ס'זאָל זיין די **אמת'ע** ברכה, זאָל זיין אמת'ער געזונט, בגשמיות וברוחניות, מ'זאָל ניט האָבן צו-טאָן מיט אויפגערודערטקייט, מיט די אַלע ענינים וואָס זיינען רחמנא ליצלן צוגעקומען אין היינטיקער וועלט דורך פאַרשידענע סיבות, אָנהויבנדיק פון ניט-אָפּהיטן טהרת המשפחה, ווי ער זאָגט אין מדרש תנחומא,

איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז יעדער קינד וואָס קומט-צו אין אַזאַ הויז – איז דאָס אַ בענטשונג – אַ ברכה – פאַר דעם פאָטער מיט דער מוטער און פאַר דעם זיידע מיט דער באָבע און פאַר די אַנדערע קינדער וואָס זיינען שוין דאָ אין הויז, אַז ס'קומט זיי צו נאָך אַ ברודער און נאָך אַ שוועסטער, און אַ בענטשונג און אַ ברכה פאַר דעם גאַנצן אידישן פאָלק, וואו נאָר ער געפינט זיך.

**ג.** און מ'ברענגט דאָך אַלעמאָל אַ ראַי' וואָס ס'טוט זיך אין וועלט –

זעט מען, אַז אין ארץ הקודש, אַז כדי ס'זאָל אָנקומען איין און איינציקער "עולה", ס'זאָל צוקומען נאָך אַ איד – לאָזט מען זיך קאָסטן **צען טויזנט דאָלער**, און דערנאָך איז געוואָרן טייערער איז געוואָרן **צוואַנציק** טויזנט דאָלער.

דער אויבערשטער קומט צוגיין און זאָגט: ער גיט אַ ברכה, ס'וועט צוקומען אַ זון, צוקומען אַ טאָכטער, און דערנאָך אַז מ'וואַקסט אויס האָט מען פון זיי אידישן נחת, וואָרום מ'איז זיי מחנך – מ'ערציט זיי – אין דעם וועג ווי דער אויבערשטער וויל,

גיט זיי דער אויבערשטער פרנסה פון זייער מזל, פון זיין אייגענעם "לי הכסף ולי הזהב": דאָס איז ניט חס ושלום אַ **לאַסט** אויף עלטערן; דאָס איז ניט אַ "לאַסט" – דאָס איז אַ זון און דאָס איז אַ טאָכטער!

**ד.** און אויך ווי דערמאָנט פריער, איבער פאַרשידענע סיבות שונות ומשונות איז טוט מען וועגן, זיכער דאַרף מען ניט באַוואָרענען, דאָס זוכט מען אַלץ אַז ס'זאָל זיין אויסגעהאַלטן על פי שולחן-ערוך, אָבער נאָכן גאַנצן אויסהאַלטן על-פי שולחן-ערוך –

הענגט דאָס אָפּ אָן דער עקרת הבית, אָן אַ אידישער פרוי, און אָט דעמאָלט ליגט זי ניט אין קיין דאגות, וואָרום דער אויבערשטער איז "זן ומפרנס לכל", ער טראָגט אויף זיך די אחריות און די פרנסה פון דעם פאָטער מיט דער מוטער, און פון יעדער קינד און פון אַלע קינדער, און בשעת ס'ווערט געבאָרן אַ זון אָדער אַ טאָכטער – ווערט מיט אים צוזאַמען געבאָרן זיין פרנסה.

נאָר ביז אַ באַשטימטן עלטער, ביז באַשטימטע יאָרן, גיט דער אויבערשטער אַ צוגאָב-שליחות און זכות און פאַרגעניגן צו דעם פאָטער און צו דער מוטער, אַז דורך זיי גיט ער די

פרנסה צו דעם זון אָדער צו דער טאָכטער,

דערנאָך, אַז זיי וואַקסן אויס – בויען זיי אַ הויז און אַ פעמילי פאַר-זיך, און זיי באַקומען פרנסה אומאָפּהענגיק פון דעם פאָטער און די מוטער.

אפילו אָבער אויך דעמאָלט ווען די עלטערן העלפן זיי אַרויס – גיבן זיי איבער דעם אויבערשטנ׳ס געלט און דעם אויבערשטנ׳ס כסף וזהב צו די קינדער, נאָר זיי האָבן דעם גרויסן זכות און דעם גרויסן פאַרגעניגן, אויך בגשמיות, וואָס דער אויבערשטער האָט זיי געשענקט מיט אַזאַ ברכה, און האָט זיי אויך געגעבן די מעגלעכקייט און דעם זכות צו מפרנס-זיין – צו ערציען – זייערע קינדער ברוחניות ובגשמיות ביז אַ באַשטימטן עלטער, ביז באַשטימטע יאָרן.

**ה.** און אָט דאָס זאָגט מען, אַז מ׳הויבט אָן זוכן טענות, אַז דאָס דאַרף מען פריער איינשטעלן שלום-בית, דערנאָך דאַרף מען איינשטעלן דעם ענין פון פרנסה, דערנאָך דאַרף מען איינשטעלן זיין זיכער, אַז אַלע אַרום וועלן מסכים זיין, אַז מ׳זאָל די קינדער ערציען ווי ס׳דאַרף-צו-זיין, אין אַ צניעות׳דיקן וועג וכו׳, ועל דרך זה די אַלע איבעריקע טענות –

איז אַ זיכערע זאַך, אַז זיי קומען, ווי נשיא דורינו, ווי דער רבי דער שווער, האָט אים אָנגערפון – ״דער **קלוגינקער**״, און מ׳דאַרף דאָך רעדן קלאָרע ווערטער: דאָס קומט פון **יצר-הרע**,

נאָר אַז ער וועט קומען אַלס אַ נאַר, אָנגעטאָן ווי אַ יצר-הרע – איז אַ זיכערע זאַך, אַז קיין אידישע פרוי און טאָכטער וועט אים ניט פאָלגן; טוט ער זיך אָן אין אידישע קליידער, און מאַכט דערפון נאָך אַן ענין פון אַ **מצוה**, אַז זי דאַרף האָבן צייט אויף פאַרשידענע גוטע טעטיקייטן, וואָס דאָס קען ניט זיין אויב ס׳וועט זיין נאָך אַ קינד אין הויז, בפרט נאָך אַז זי קען לוחץ זיין – דריקן – אויף רב און ער וועט איר אַרויסגעבן אַ היתר –

זאָל מען וויסן זיין, אַז דאָס איז אַ ״**קלוגינקער**״, וואָס האָט זיך אָנגעטאָן, מצד די קלוגשאַפט, אין אַ זיידענעם סירטוק מיט אַ גאַרטל, אָבער וואָס איז דאָרט אינעווייניק – איז דאָס דער **יצר הרע** מיט זיין גאַנצן שטורעם!

און ס׳איז נאָך ניטאָ קיין איין זאַך וואָס דער יצר-הרע וויל, וואָס דערפון זאָל אַרויסקומען אַ גוטע זאַך פאַר אַ אידן, פון קליין ביז גרויס.

**ו.** וואָס דאָס איז אויך אַן ענטפער, אַז מ׳זוכט זיך פאַרשידענע תירוצים כדי צו טאָן די זאַך, איז כדי צו מאַכן דעם נסיון לייכטער – האָט מען געזען אין וואָס ס׳באַשטייט די אויפפירונג בשעת מ׳גייט אין אָט דעם וועג,

וואָס מ׳האָט דאָס געגעבן אַ פּאָליטישן נאָמען: ״**פלעניגג**״, דאָס הייסט, אַזוי ווי אַ מענטש דאַרף לעבן אין אַ חיים אין אַ סדר מסודר – טאָר ער ניט טאָן קיין זאַכן סיידן ער מאַכט ניט פריער קיין פּלאַן;

אויב דאָס איז אַזוי אין **איינפאַכע** זאַכן – איז דאָך אַ זיכערע זאַך, אַז מ׳דאַרף אויסשטעלן אַ פּלאַן **ווען** מ׳זאָל האָבן קינדער, **וויפל** מ׳זאָל האָבן קינדער און **ווי אַזוי** מ׳זאָל האָבן קינדער, מיט די אַלע פרטים –

דאָס איז אָבער, ווי אַלע ענינים בדוגמת זה – דאָס איז אַ ״זיידענע זשופּיצע״ אָנגעטאָן געוואָרן אויף אַ **דבר המזיק**!

אויף וויפל דאָס איז מזיק דאַרף מען ניט ערקלערן, ווי מ׳זעט, אַז די וואָס פירן זיך – ניט פאַר קיין אידישע טאָכטער גערעדט – מיט ״פעמילי פלענינג״ וכיוצא בזה – ברענגט דאָס פריער צו **אָנשטרענונג** אין באַציאונגען צווישן דעם מאַן מיט דער פרוי, דערנאָך ברענגט דאָס צוקאַליעטשען, רחמנא ליצלן, זייער צוזאַמענלעבן צוזאַמען, וואָרום דאָ איז דאָ אָפּהיטונגען און דאָ איז דאָ באַגרענצונגען און דאָ ווערט אַ ברוגז און דאָ ווערט אַן אָנגעצויגנקייט.

**ז.** און דערנאָך איז, בשעת **מ׳שטערט** דעם נאָרמאַלן אופן ווי דער אויבערשטער האָט איינגעשטעלט בתורתו, און מ׳הויבט אָן אַהינצו אַריינברענגען ענדערונגען, וואָס זיי ענדערן אין אַ ראַדיקאַלן וועג דעם נאָרמאַלן לעבן פון אַ אידן, און נאָך מערער דעם נאָרמאַלן ״פעמעלי״-לעבן צווישן אַ מאַן מיט אַ פרוי – איז דאָס אַ זיכערע זאַך, אַז דאָס דעפּאַרמירט, דאָס

צורייצט די באַציאונגען, דאָס שטערט צו שלום-בית, און וואָס נאָך מערער – דאָס שטערט און דאָס רירט אָן דעם געזונט סיי פון דער פרוי און סיי פון דעם מאַן.

און ווי מ׳זעט דאָס בפועל, אָט די וואָס פאַרנעמען זיך מיט אָט די זאַכן, כאמור, ניט פאַר קיין אידישע הויז געדאַכט, האָט מען צוטאָן – ניט פאַר קיין אידישע הויז געדאַכט – מיט "סייקאָ-טעראַפּי", מיט לויפן צו דאָקטוירים וואָס זאָלן היילן די נערוון, מיט לויפן צו דאָקטוירים וואָס זאָלן געבן אַן עצה ווי אַזוי דער מאַן זאָל אויסקומען מיט דער פרוי און ווי די פרוי זאָל אויסקומען מיט דעם מאַן; מ׳לויפט צו דאָקטוירים וואָס זיי זאָלן געבן פילן מיט האָרמאָנען מיט אַלע-ערליי זאַכן וואָס זיי זאָלן פאַרבייטן די נאָרמאַלע זאַכן מיטן נאָרמאַלן גאַנג פון אַ אידישן לעבן, און אויך על דרך זה אפילו ביי אַ ניט-אידן,

און דאָס אַלץ ניט דאָס ברענגט אַריין אַ פּלאַן און אַ תכנית און אַ סדר אין לעבן; אַ זאַך וואָס וויל אַריינטראָגן אַן ענדערונג אין דעם סדר וואָס דער אויבערשטער האָט איינגעשטעלט אין זיין תורה, און האָט געזאָגט אַז ס׳איז דאָ די באַגרענצונגען אין באַשטימטע צייטן אין באַשטימטע אופנים און פאַר באַשטימטע מענטשן, און נאָך דערויף איז דאָ, פאַרקערט, דער ענין פון דער מצוה,

און ווי געזאָגט פריער: די גרעסטע מצוה וואָס דער אויבערשטער פאַרלאַנגט איז דאָס, אַז אַ איד זאָל פירן אַ נאָרמאַלן טאָג-טעגלעכן לעבן, ווי אָנגעוויזן געוואָרן אין תורת חיים, אין דער תורה וואָס זי באַווייזט ווי אַזוי צו לעבן אַ לעבן וואָס ער קען אָנגערופן ווערן חיים אמיתיים, אַן אמת׳ער לעבן, וואָס דאָס איז – ווי אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין תורה שבכתב, און דערנאָך אין תורה שבעל-פה און דערנאָך אין פוסקים, ביז אין שולחן-ערוך, און מ׳דאַרף זיך ניט אַריינמישן אין דעם אויבערשטנ׳ס סדרים,

אָט דעמאָלט האָט מען דעם אויבערשטנ׳ס ברכה אין דער פולסטער מאָס, ביז אַז מ׳ווערט געבענטשט מיט **אַלע** ברכות,

און ווי דער נוסח איז, אַז מ׳האָט "**בני**" – קינדער וויפל דער אויבערשטער וויל אַז די פּאָר-פּאָלק זאָל געבענטשט ווערן, באַקומען זיי דאָס, און אַז דער אויבערשטער בענטשט זיי מיט קינדער – בענטשט ער זיי מיט **געזונטע** קינדער און מיט **פריילעכע** קינדער און מיט **אמת-אידישע** קינדער.

און דאָס "**חיי**":

דאָס איז ניט אַ זאַך וואָס מ׳וויל זיך איינרעדן, רחמנא ליצלן, אַז דאָס מאַכט **שווערער** דעם לעבן און ברענגט אַריין **קאָמפּליקאַציעס** אין לעבן – דאָס איז **פונקט דער היפך**: ס׳איז נאָך ניטאָ אַזויפיל בלי-סדר און אַזויפיל קאָמפּליקאַציעס וואָס ווערט אַריינגעבראַכט אין יעדער הויז, אפילו פון ניט-אידן, דורך דערויף וואָס מ׳מישט זיך אין סדרי החיים – ווי אָט דער ענין וואָס ווערט אָנגערופן בשם "פעמילי פּלענינג"!

וכאמור, דאָס איז ניט אַ זאַך וואָס מ׳דאַרף זוכן אין מוסר-ספרים; יעדערער וואָס לייענט צייטונגען אפילו, און דער וואָס ווייסט וואָס ס׳טוט זיך באַ דאָקטוירים – רחמנא ליצלן מ׳זאָל צו דערויף ניט דאַרפן אָנקומען – וועט ער זען וואָס דאָס האָט אָנגעמאַכט רחמנא ליצלן פאַראַ שינויים פאַראַ ענדערונגען אין **אידישע** הייזער, און אַזוי אויך אין **ניט-אידישע** הייזער.

**ח.** וכאמור אָבער, אַז דער אויבערשטער האָט געגעבן יעדער מענטשן, און זיכער אַן אידישע פרוי, אַן "עקרת הבית", די אַלע כוחות מיט די אַלע מיטלען, אַז זי זאָל קענען איינפירן אין דער הויז, און ווי געזאָגט פריער – אין אַלע הייזער אַרום זיך, און איינווירקן אויף אַלע אידישע פרויען, אַז זיי זאָלן אויך גיין אין דעם וועג –

מ׳זאָל זיך ניט מישן אין דעם אויבערשטנ׳ס סדרים; אָפּהיטן אין דער שטרענגסטער מאָס – וואָרום דאָס איז די **בעסטע** מאָס – די געזעצן און די דינים וואָס זיי זיינען פאַרבונדן מיט טהרת המשפחה,

און איבערלאָזן די חשבונות וויפל איז גוט פאַר דער פּאָר-פּאָלק האָבן זין און טעכטער – וויס דער איין און איינציקער, ווייסט דאָס דער בורא האדם ומנהיגו, דער אויבערשטער, וואָס ער **באַשאַפט** יעדער מענטשן און ער **פירט-אָן** מיט יעדער מענטשן, און ווי תורת הבעל שם טוב, אַז ער איז אויף אים משגיח – ער גיט אויף אים אַכטונג – מיט אַ השגחה פרטית,

מיט אַ השגחה וואָס דער אויבערשטער אַליין גיט זיך אָפּ מיט יעדער איינצלהייט פון יעדער אידן אין זיין טאָג-טעגלעכן לעבן,

איז דאָך אַ זיכערע זאַך, אַז נאָר ער קען באַשליסן, און דערנאָך אויך איז ער דער וואָס גיט דערנאָך די ברכה אַז דער באַשלוס זאָל אַרויסקומען בפועל, אַז מ'זאָל געבענטשט ווערן מיט דער צאָל קינדער וואָס זיי זיינען גוט פאַר דער הויז,

און ער וועט זיכער אויך זען, ווי געזאָגט פריער, אַז ס'וועט זיין "**בני**", און דאָס וועט זיין פאַרבונדן מיט "**חיי**" – ערשט דעמאָלט וועט דאָס זיין אַ לעבן, אַ **נאָרמאַלער** און אַ **גוטער** און אַ **אידישער** לעבן,

און דאָס איז אויך פאַרבונדן [מיט] "**ומזוני**":

בשעת דער אויבערשטער גיט פרנסה, און מ'דאַרף דאָס ניט, פאַר קיין אידישע הויז-געדאַכט, צאָלן דערפון אַ דאָקטער וואָס ער דאַרף באַרואיקן די פאָר-פאָלק דערפאַר וואָס זיי פירן אַן אומנאָרמאַלן לעבן, ניט על-פי שולחן-ערוך מיט די באַגרענצונגען –

איז גיט דער אויבערשטער "ומזוני **רוויחי**", אַזאַ פרנסה וואָס מ'זאָל דאָס נוצן מערניט ווי אויף **ברייטע** זאַכן און **גוטע** זאַכן און **הייליקע** זאַכן און **געזונטע** זאַכן, וואָרום ס'וועט זיין אַ געזונטער פאָטער און אַ געזונטע מוטער און געזונטע קינדער,

און זיי וועלן העלפן אויפבויען, אַז ס'זאָל זיין דער גאַנצער אידישער פאָלק – אַ געזונטער פאָלק,

און מ'וועט האָבן אַ געזונטע וועלט **אַרום** זיך, אָנהויבנדיק אין דער באַציאונג פון דער וועלט צו אידן – אַז ס'וועט זיין אַ "געזונטע",

דערנאָך וועט דאָס אויך מיטברענגען אַז די וועלט **אַרום** וועט ווערן אַ געזונטע – דורך דערויף וואָס יעדערער וועט ניט פאַרטראַכטן זיך, אַז וואָס וועט זיך שוין געענדערט ווערן אין וועלט, אַז זי – אַן איין און איינציקע פרוי אָדער איין און איינציקע הויז – וועט ענדערן איר אויפפירונג; ווי אַזוי קען דאָס האָבן אַ ווירקונג אויף דער גאַנצער שכונה אַרום איר, אָדער אויפן גאַנצן אידישן פאָלק, אָדער אויף דער גאַנצער גאולה? –

פסק'נט דער רמב"ם, אַז אַ איד האָט בכח, ווען ער טרעפט נאָר צו פירן זיך ווי דער אויבערשטער וויל, דורך **איין און איינציקע מעשה** איבערוועגן די גאַנצע וועלט, און ברענגען אַ ישועה און אַ הצלה פאַר דער גאַנצער וועלט!

וואָס דאָס איז געזאָגט געוואָרן אויף יעדער גוטער מעשה;

ווער רעדט נאָך וועגן אַ זאַך וואָס איז פאַרבונדן מיט אויפשטעלן דורות בישראל – קינדער וואָס זיי וועלן האָבן קינדער, און ס'וועט זיין קינדס-קינדער וואָס וועלן זיך פירן אין אַ גוטן סדר, וואָס דאָס איז דער סדר ווי דאָס שטייט אין תורה – ווערט דאָס אויפגעטאָן אָנהויבנדיק פון אַן איין און איינציקע פעולה פון [אַן] איין און איינציקע אידישע פרוי,

ובפרט נאָך, ווי געזאָגט פריער, אַז דאָס ווערט אָנגענומען אַלס אַן אָנהויבס פון אַ נייער תקופה אין די טעטיקייטן פון נשי ובנות חב"ד, און גלייך מפרסם זיין און וויסן, אַז דאָס איז געמיינט נשי ובנות כל ישראל כולן – אין **אַלע** ענינים פון אידישקייט, אָנהויבנדיק אָבער פון די **עיקר'דיקע** זאַכן אין דערויף, וואָס דאָס איז איינע פון די עיקר'דיקע זאַכן פון די וואָס זיינען שוין חתונה געהאַט און אויפגעבויט "עקרת הבית",

אפילו אויך פון די באָבעס מיט די זיידעס, אַז זיי זאָלן טאָן וואָס ס'הענגט אָפּ אָן זיי איינצואווירקן אויף זייערע קינדער און קינדס-קינדער אין **אַלגעמיין** אויף "ושמרו דרך ה'", על אחת כמה זיכער אין אַזאַ עיקר'דיקן אופן.

**ט.** און אָט דעמאָלט איז מען זיכער, אַז "הבא לטהר מסייעין אותו" – דער אויבערשטער זאָגט-צו, אַז יעדערער וואָס וועט טאָן אין דער ריכטונג וועט ער אַליין אים העלפן,

ובפרט נאָך, אַז דאָס איז אַ זאַך וואָס מסיבות שונות ומשונות – ווי געזאָגט פריער – רעדט מען ניט וועגן דערויף: קומען פאַר אסיפות פון פרומע אידן און פון פרומע פרויען, און מ'רעדט וועגן אַלע גוטע זאַכן, און מ'שעמט זיך צו רעדן וועגן אַזאַ עיקר אין אידישן לעבן! און אין לעבן – ווי געזאָגט פריער – ביז וואַנענעט אַז דאָס איז אַן עיקר אין דעם לעבן פון דער

מענטשהייט בכלל.

## ג. משיחת ו׳ תשרי ה׳תשמ״א

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

**א.** ...און כמדובר כמה פעמים, אַז תורה פסק׳נט אָפּ, אַז יעדער קינד איז אַן ״עולם מלא״, יעדער איד איז אַן ״עולם מלא״. במילא איז אין דערויף ניט שייך זאָגן אַ הסברה, אַז וויבאַלד אַז ס׳איז דאָ כמה וכמה בנים ובנות, איז וואו איז דאָ דער הכרח אַז ס׳זאָל זיין **נאָך** אַ קינד, ובפרט נאָך, אַז ס׳איז דאָך אַ משנה מפורשת, און אָפּגעפסק׳נט אין שולחן-ערוך ווען מ׳איז יוצא מיט מצות פרי׳ ורבי׳ – בן ובת.

ובפרט נאָך לויט דעם ביאור אין חסידות, מיוסד אויף קבלה, אַז דעמאָלט האָט מען אַ שם הוי׳ בשלימות. וואָס דער י״ה ווי ער זאָגט אין תניא איז דאָס בדוגמת אב ואם, און זיי זיינען מוליד בן ובת, אהבה ויראה, וואָס דאָס איז שלימות פון שם הוי׳ – ער האָט אַ גאַנצן שם הוי׳.

קומט מען צוגיין און מ׳זאָגט, אַז התחלת התורה, די ערשטע מצוה פאַר אַלע מצוות וועגן וועלכע ס׳וועט דערציילט אין תורה, וואָס **סדר** אין תורה איז אויך אַ הוראה – איז די ערשטע מצוה איז דער ״פרו ורבו״,

און ווי רש״י טייטשט אָפּ, גענומען פון מדרש, אַז ״פרו״ וואָלט מען געקענט טייטשן, אַז אפשר איז דאָס אַ יחיד – זאָגט מען גלייך ״ורבו״. און דאָ קען מען דאָך אויך טייטשן – איז מען גלייך ממשיך: ביז וואַנענט ״**ומלאו את הארץ וכבשוה**״!

מ׳פאַרלאָזט זיך אויפן אויבערשטן, און וויפל דער אויבערשטער זעט, אַז דאָס איז גוט פאַר דעם פאָטער און פאַר דער מוטער, בדרך ממילא פאַר דער זיידע מיט דער באָבע, וואָס דאָס איז אויך די גוטסקייט פון **כל עם ישראל כולו**, און דורך דעם איצטיקן דור – פאַר **כל** הדורות כולם **שלפני** זה דור **ושלאחרי** דור זה!

איז יעדער קינד וואָס ס׳וועט געבאָרן – ווערט געבאָרן אַן ״**עולם מלא**״!

[וואָס דאָס איז דאָך אַן ענין וואָס איז נוגע אין הלכה און נוגע אין כמה דינים, און ניט נאָר אַן ענין וואָס מ׳זאָגט, אַז דאָס שטייט אין **אגדה** שבתורה – איז אגדה שבתורה אויך אַ חלק וואָס ״ניתן למשה מסיני״ צוזאַמען מיט חלק **ההלכה** שבתורה, נאָר מ׳זאָגט, אַז ס׳האָט נאָך אין זיך אָט די מעלה, ווי דעם אַלטן רבינ׳ס לשון אין אגרת הקודש, אַז ״רוב סודות התורה גנוזות בה״.

ובפרט נאָך, אַז די גמרא איז דאָס מסביר אין אַן אופן וואָס איז פאַרשטאַנדיק אויך **בשכל**, איז דאָך דעמאָלט כידוע בכמה ענינים בתורה, אַז מ׳זאָגט אַז ״קרא למה לי – **סברא** היא״! וויבאַלד אַז דאָס לייגט זיך אין דעם שכל פון נפש האלקית – דאַרף דאָס גאָר ניט שטיין אין תורה, ס׳איז מעצמו פשוט ומובן, אַז אַזוי דאַרף דאָס זיין.

וואָס דאָס איז אַ סברא, ווי די גמרא איז דאָס מסביר אין סנהדרין בארוכה די **סברא** שבדבר, ווי אַזוי דאָס איז אַן ״עולם מלא״ און די ראי׳ אויף דערויף מיט די הוכחה וכו׳].

**ב.** וכאמור, אויב ס׳איז עפּעס דאָ אַ טעם, אַן **אמת׳ער** טעם, וואָס ס׳דאַרף חס ושלום **ניט** זיין – איז אָט דעמאָלט קען מען זיך פאַרלאָזן אויפן אויבערשטן, וואָס ער איז דער עצם הטוב ומטבע הטוב להטיב, און מ׳לאָזט דאָס איבער צו אים.

און סיי-ווי-סיי האָט מען קיין ברירה ניט, וואָרום ער איז דער ״זן ומפרנס לכל״ און ער איז דער משגיח על כל אחד ואחת בהשגחה פרטית, ביז אין פרטי פרטים, כמבואר בארוכה בכמה מקומות,

ביז דער לשון הידוע, אַז אַ בלעטל וואָס וואַלגערט זיך אין רשות-הרבים, אין גאַס, און דאַרף זיך איבערקערן מצד לצד, קען דאָך אָבער זיין פאַרשידענע אופנים **ווי** ער זאָל זיך איבערקערן – איז דאָס אויך בהשגחה פרטית.

וואָס דאָס רעדט זיך וועגן אַ בלעטל וואָס ער איז שוין **ניט** צומח, ער איז שוין ניט ביים בוים; ער וואַלגערט זיך אין גאַס, און ס׳רע[דט זיך] לכאורה ניט אין אַן ענין עיקרי, מערניט ווי אין דעם **אופן**, אין דעם ״הכשר״ הענין, ווי אַזוי ער וועט זיך איבערקערן – זאָגט מען, אַז דאָס

איז בהשגחה פרטית, וכתורה פון נשיא דורינו, אַז דאָס האָט דעם אָרט און אָנגעוויזן אין מחשבה הקדומה דאדם קדמון, פון א״ק!

על אחת כמה וכמה ווען ס׳רעדט זיך וועגן אַן ״עולם מלא״ פון נפש אחת מישראל, איז חס ושלום אין דערויף זיך אַריינמישן, סיידן ס׳איז דאָ אַ פסק-דין ברור אין תורה, אַז מפני איזו סיבה שתהי׳ קען מען דאָס אָפּלייגן וכיוצא בזה, כמדובר כמה פעמים בארוכה.

אָבער אַזוי איז דאָס אַ **ציווי**, און דאָס איז אַ ציווי וואָס איז געזאָגט געוואָרן – ווי אַלע מצוות – כדי אַ אידן זאָל זיין נאָך בעסער ווי אים איז געווען קודם קיום מצוה זו,

ביז אין תכלית השלימות, אַז דאָס פאַרבינדט אים – מצוה לשון צוותא וחיבור – ער ווערט איין זאַך כביכול מיטן אויבערשטן, וואָס דעמאָלט איז ״באור פני מלך חיים״, איז דער מלך החיים איז ״**זכרנו** לחיים״ און ברענגט דערנאָך אַראָפּ, ווי מ׳זאָגט **בסיום** כל תפילת עמידה [בעשי״ת], אַז מ׳ווערט פאַרשריבן און געחתמ׳עט ״בספר חיים ושלום וגזירות טובות״, מיט די אַלע פרטים ווי ער רעכנט אין דערויף אויס.

## ד. ה' חלקים משיחת אור לכ"ד טבת ה'תשמ"א

### הנחה פרטית בלתי מוגה

**א.** זאָגט ער אין מדרש אויף דעם ענין, אַז דאָס וואָס ס'איז געווען די מכת דם איז דאָס געווען "מדה כנגד מדה" [אין שמות רבה אין אליהו רבה ובכמה מקומות]:

אַזוי ווי די מצריים האָבן דאָך געוואָלט מלחמה האָבן מיטן "פן ירבה" און ס'וועט [זיין] "מלחמה ונוסף . . ועלה מן הארץ", וואָרום ישראל איז "פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאד מאד", און זיי האָבן געזען, אַז דאָס איז פאַרבונדן וואָס בנות ישראל איז טובלות במים.

האָבן זיי זיך מיישב געווען: ווי אַזוי קען מען דערמיט מלחמה-האָבן? – בשעת מ'וועט סוגר זיין את המים. ס'זאָל ניט זיין קיין מקוה'ס רחמנא ליצלן. במילא אָט דעמאָלט ווייזט זיך אויס, אַז מ'איז גאָר ניט קיין אכזרים, מ'דאַרף ניט אָנקומען צו גזירות, וואָרום בנות ישראל איז "גל נעול" און "גן נעול", ווי ער איז מפרש אין מדרש, ובארוכה אויך אַראָפּגעבראַכט אין פשוטו של מקרא, אַז "אחת היא ופרסמה הכתוב", געווען פאַרבונדן מיט אָפּהיטן טהרת המשפחה – האָבן די מצריים געפונען אַן עצה: זיי וועלן זיין פיינע מענטשן, מ'וועט זיך גאָרניט מישן, און מ'דאַרף ניט אָנקומען צו גזירות פרעה, נאָר וואָס דען? – מ'וועט סוגר זיין את המים.

במילא וועט ניט קענען זיין דער נשי ישראל טובלות, און דערנאָך קומט דער "פרו וישרצו" –

האָט דער אויבערשטער אָפּגעצאָלט מדה כנגד מדה, אַז די "מים אשר ביאור" און די אגמים בכל מקום שהם איז געוואָרן אויס מים; ס'איז געוואָרן "ויהפכו לדם".

וואָס אָט דאָ זעט מען גלייך די הוראה:

כמדובר כמה פעמים, אַז ביאת משיח צדקנו – וואָס דאָס איז דאָך כמדובר דער תפקיד דורנו זה – איז פאַרבונדן מיט "יכלו כל הנשמות שבגוף".

נוסף על העיקר, אַז דאָס איז די ערשטע מצוה בתורה, [וואָס **סדר** אין תורה איז דאָך אויך תורה והוראה, און דאָס איז אַ סדר אין תורת חיים – הוראה בחיים], איז די ערשטע מצוה "פרו ורבו", ביז אין אַן אופן פון "ומלאו את הארץ".

און דעמאָלט איז אַ זיכערע זאַך, [און דאָס איז אויך אַ חלק פון דעם ציווי] "וכבשוה", אַז די אַלע חשבונות וואָס קומען מצד דעם "ארץ", מצד די ארציות וחומריות, [ווי דער אַלטער רבי טייטשט דאָס אָפּ אין אגרת הקודש פון "גוי אחד בארץ", אפילו אין עניני ארץ] – איז "וכבשוה": ער "נעמט-איין" אָט די אַלע חשבונות און ווערט אויף זיי אַ מושל ושולט,

צי דאָס איז חשבונות וויפל **געלט** וועט דאָס קאָסטן, אָדער חשבונות וויפל **טירחא** דאָס וועט קאָסטן, אָדער חשבונות וויפל **מיעוט הרווח** דאָס וועט זיין, וואָס על ידי צער העיבור און צער הלידה וצער פון גידול בנים ובנות וכיוצא בזה, וועט מען דאָך ניט קענען הנאה האָבן פון לימוד התורה במנוחת הנפש אָדער פון קיום המצוות במנוחת הנפש, אָדער די וואָס טראַכטן אויך נאָך נידעריקער, אַז מ'וועט ניט קענען הנאה האָבן פון עניני העולם, טאַקע אין אַן אופן כשר, אָבער פון עניני "רשות", ניט ווי תורה ומצוות",

ביז וואַנענט ער שטעלט-אויף אַ גאַנצע "ארץ", אַ גאַנצע השקפת עולם, וואָס זי איז אָבער השקפת עולם ווי עולם איז "ארץ", ניט ווי "שמים".

**ב.** ...בשעת אָבער ס'איז דאָ דער "וכבשוה", אַז מ'איז "כובש" די גאַנצע ארציות מיט די אַלע ענינים – אָט דעמאָלט ווערט דער "וכבשוה" בפשטות, אַז מ'נעמט-איין און מ'זעט, אַז די אַלע חשבונות זיינען ניט אויסגעהאַלטן **בפשטות**,

וואָרום "ברכת ה' היא תעשיר", און בשעת ער מאַכט אַ גרעסערע כלי, וואָס די כלי אויף מקבל זיין ברכת ה' איז דאָס קיום **רצון** השם:

אַז ער מאַכט אַ גרעסערע כלי – איז "מדה כנגד מדה", וואָס דער אויבערשטער "לא ברא הקב"ה דבר אחד לבטלה", און ס'קומט צוגיין אַ אידישע פרוי און אַ אידישער מאַן און באַווייזט דעם אויבערשטן, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ גרעסערע כלי, וואָרום זיי זיינען נתברך,

געטאָן כל התלוי בהם אויף האָבן בנים ובנות עוסקים בתורה ובמצוותי׳ און הולכים בדרך הישר והטוב בעיני אלקים ובעיני אדם.

נאָר וואָס דען? ״ברכת השם היא תעשיר״: ניט נאָר ״מחסירו אשר יחסר לו״, וויפל מ׳דאַרף האָבן כדי צו מגדל זיין נאָך אַ אינגעלע מיט נאָך אַ מיידעלע, און מגדל זיין זיי מתוך הרחבה, אַז אף על פי וואָס אַ ישיבה בעט אַזויפיל געלט, שלא בערך וואָס אין ״פּאַבליק סקול״ איז דאָס חנם בלא כסף, און דאָ דאַרף ער צאָלן.

דערנאָך קומט נאָך צו די אַלע איבעריקע ענינים, וואָרום אָט דאָ דאַרף ער אים געבן אַ מאכל מיוחד, וואָרום ס׳איז אַ ספק אויף די כשרות פון די ״סענדוויטשעס״ וואָס מ׳גיט אים, און נעמען די סענדיוויטשעס פון דער מלוכה איז גאָר לא קיימא לשאלה, וואָס דאָס קען ער באַקומען אומזיסט, אָדער האַלב פּרייז.

איז זאָגט מען, אַז ניט נאָר אַז ברכת ה׳ היא ממלא ״מחסירו אשר יחסר לו״, נאָר ״ברכת השם היא **תעשיר**״.

בשעת אָבער מ׳וויל האָבן עשירות בגשמיות וברוחניות – דאַרף מען געבן כלים, וואָרום אויב ״אין כלי״ – איז ״ויעמוד השמן״.

און אָט דעמאָלט זעט מען, אַז דורך דעם ״וכבשוה״, אַז ער נעמט-איין זיין ארציות און אַלע חשבונות וואָס זיינען פאַרבונדן מיט ארץ,

וואָרום אַז ער הויבט-אָן טראַכטן, אָדער זי הויבט-אָן טראַכטן, וואָס זאָגט איר נשמה, און זי ווייס, אַז דער אַלטער רבי האָט געזאָגט בפשטות, אַז אַ אידישע נשמה איז דאָס ״<u>חלק אלוקה</u> <u>ממעל</u>״, וואָס דאָס איז לשון הפסוק, און מוסיף: **ממש! דאָס איז ממש אַן ענין פון ג-טלעכקייט אַליין**.

במילא, אַז זי באַטראַכט זיך, און ער באַטראַכט זיך: וואָס זאָגט דער אויבערשטער צו די אַלע חשבונות, צי זיי האָבן ביי אים עפּעס אַ תפיסת מקום, צי ער רעכנט זיך מיט זיי, און דערפאַר וועט ער אָפּהאַלטן חס ושלום די געבן די מצוה ״פרו ורבו״, אָדער ניט.

איז באַ יעדער נאָרמאַלן מענטשן, וואָס ער טראַכט מיט אַ נאָרמאַלן שכל, אפילו דער שכל פון נפש הבהמית; מ׳דאַרף ניט אָנקומען צו אמונה. אַז ער באַטראַכט זיך, וואָס טראַכט זיין נשמה, [וואָס זי איז אַ ״חלק אלוקה ממעל ממש״], אָדער איר נשמה, בהנוגע צו די אַלע חשבונות פאַרבונדן מיט ארץ: וויפל **געלט** מ׳דאַרף האָבן און וויפל **טירחא** מ׳דאַרף האָבן, און פון וואָס מ׳דאַרף זיך אָפּזאָגן במשך פון די נייען חדשים, און דערנאָך די עטלעכע חדשים פון יניקה, און דערנאָך צער גידול בנים, מיט די אַלע חשבונות האמורים לעיל –

לאַכט ער פון זיך אַליין, אָדער זי לאַכט פון זיך אַליין, אַז ס׳איז גאָר ניט שייך אין דערויף דן זיין, מ׳זאָל האָבן אין דערויף אַ שקלא-וטריא, וואָס זאָגט אויף דערויף דער ״חלק אלוקה ממעל ממש״. אַז ס׳איז גאָר לכתחילה לא קיימא לכל חשבון ולכל שאלה.

ער האָט דאָך אָבער אַ בלבול פון ״ארץ״ וואָס איז פאַרבונדן מיט חלל השמאלי שבלב, ווי דער אַלטער רבי זאָגט אין תניא בתחילתו – דאַרף מען האָבן דעם ״וכבשוה״.

און אָט דעמאָלט, אַז ס׳איז דאָ דער ״וכבשוה״,

און מ׳האָט אויף דערויף ״הקב״ה עוזרו״: ס׳איז ניט ער דאַרף האָבן ״כחי ועוצם ידי״, נאָר יעדער איד און אַלע אידן עד סוף כל הדורות, אפילו נאָך פאַר מתן תורה, זאָגט מען אויף זיי, אַז זיי זיינען ״מאמינים״, דאָס הייסט אַז בכח **עצמו** איז ער אַ מאמין, און האָט נאָך אויף דערויף ״בני מאמינים״ – ער האָט נאָך אויף דערויף דעם כח פון אמונה וואָס ער האָט געירש׳נט פון זיין פאָטער און פון זיין מוטער און פון זיין באָבע און פון זיין זיידן, אָדער פון איר מוטער און פאָטער און באָבע און זיידע.

איז אָט דעמאָלט גייט מען בשמחה ובטוב לבב, און מ׳פירט זיך אין אַן אופן מבטל זיין די גזירה פון די מצריים, אויף כובש זיין את המים, סוגר זיין את המים, כדי ניט צולאָזן חס ושלום צו דעם קיום מצוה זו, און דערנאָך פאַרלאָזט מען זיך אויפן אויבערשטן.

**ג.** ...בדורנו זה זעט מען, אַז ס׳איז דאָ אַזעלכע וואָס דער אויבערשטער – מטעמים הידועים לו – ווייס, אַז זייער שלימות און זייער ענין איז – אויף האָבן אַזאַ און אַזאַ מספר פון בנים; אַזאַ און אַזאַ מספר פון בנות,

און האָבן זיי – בזמן המיוחד ובזמן המסוגל, און וויסנדיק אַז דער אויבערשטער איז עצם הטוב ו"מטבע הטוב להיטיב" – איז דאָך אַ זיכערע זאַך, אַז דער אויבערשטער קלייבט אויס די צייט וואָס איז אַמבעסטן פאַר דעם פאָטער און פאַר דער מוטער, ובעיקר – די בעסטע צייט פאַרן קינד וואָס ווערט דערנאָך געבאָרן,

און דערנאָך האָט דער אויבערשטער זיינע טעמים וואָס אַמאָל לייגט ער דאָס אָפּ, אַז דאָס זאָל קומען אין אַ משך זמן לאחרי זה.

וואָס "בהדי כבשי דרחמנא למה לך": אַ בשר-ודם, אַ נברא, קען ניט וויסן שכלו וטעמיו של הבורא, מ'האָט אים אָבער געגעבן בחירה, "ובחרת בחיים": ער האָט די מעגלעכקייט פון חס ושלום דאָס אָפּהאַלטן.

– די מעגליכקייט **ווען ס'ווערט** דער עיבור און **ווען ס'ווערט** די לידה – אויף דערויף באַלעבאָס מערניט ווי דער אויבערשטער, און אויף דערויף האָט מען די הודעה פון תורת אמת, אַז דער אויבערשטער איז עצם הטוב ו"מטבע הטוב להיטיב", און דער אויבערשטער וויל "אך טוב לישראל", אַז יעדער אידן, סיי אנשים, סיי נשים און סיי טף, [כמודגש במיוחד בשנת הקהל], זאָלן האָבן דעם טוב בריבוי, ווי דער מדרש איז מאריך אין מדרש רבה פון מגילת אסתר, שלום בריבוי, טוב בריבוי, ברכה בריבוי – כמה ענינים טובים וואָס קומען בריבוי לישראל, צו אנשים ונשים וטף.

דער אויבערשטער האָט דאָך אָבער געוואָלט, אַז מ'זאָל באַווייזן אַז מ'געהערט צו "עם חכם ונבון", און מ'זאָל זיין דער ריכטיקער שותף,

וואָס די גמרא זאָגט דאָך אַ תואר נפלא: מ'זאָגט, אַז ס'איז דאָ "**ג' שותפין**", אַז ס'ווערט געבאָרן אַ קינד איז דאָ אין דערויף דריי שותפין. וואָס אַ "שותף" על פי הלכה איז אַ **שותף**. און ווער זיינען די דריי שותפין? – זיינען דאָס דער אויבערשטער, און דער פאָטער און די מוטער.

און פון די אַלע דריי צוזאַמען איז דאָ די מעגלעכקייט און ס'ווערט דערנאָך געבאָרן אַ אידיש קינד, ווי דער אויבערשטער באַשטימט – אַן אינגעלע אָדער אַ מיידעלע,

און דערנאָך האָט ער אויך אָפּגעגעבן צו דער בחירה פון דעם אב ואם, אַז זיי זאָלן זיי מגדל זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים,

ו"ברכת השם היא תעשיר": וויבאַלד אַז זיי האָבן אויסגעקליבן גיין אין דעם וועג, דרך הוי' "אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו" – איז אָט דעמאָלט ווערט דאָס אין אַן אופן פון **עשירות**. – נוסף אויף "עשירות" ברוחניות; **עשירות בגשמיות כפשוטה**!

**ד.** ...די איינציקע זאַך אָבער וואָס דער אויבערשטער האָט אָפּגעגעבן צו אַ בחירה פון אַ איד, צו אנשים ונשים [און אויך צו טף, אויף וויפל ס'איז שייך בחירה באַ טף], אַז זיי קענען חס ושלום דאָס **מונע** זיין אָדער מעכב זיין.

און אויך, דאָס איז אויך מצד הטוב – כדי מ'זאָל באַווייזן, אַז מ'איז אַן "עם חכם ונבון",

און אויב ס'איז טאַקע אַן ענין פון סכנת נפשות, רחמנא ליצלן, חס ושלום – גייט מען אַוועק צו אַ רב, וואָס ער קען פסק'ענען על פי הוראת תורת חיים, צי דאָס איז אָט דער פאַל. וואָרום אַליין איז מען אַ "נוגע בדבר", במילא דאַרף מען וויסן וואָס זאָגט "תורת חיים", וואָס זי איז אויך "תורת אמת", און אויב ס'איז **טאַקע** אַזוי – איז אָט דעמאָלט איז, אדרבא – ווערט אַ הוראה פון תורה, אַז מ'זאָל דאָס אָפּלייגן.

אָבער **ווער** איז אין דערויף דער פוסק? ניט אָט דער וואָס איז "**נוגע** בדבר", נאָר אָט דער וואָס ער איז **ניט** "נוגע בדבר" איז ער ניט קיין משוחד און ער ווייס וואָס **תורה** זאָגט בזה, און דעמאָלט זאָגט ער ניט קיין **אייגענע** מיינונג, חס ושלום; ער זאָגט די מיינונג פון **תורה**, וואָס דאָס איז די תורה "אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו".

**ה.** ...און אָט דעמאָלט האָט מען די הבטחה פון "וידעו מצרים", אַז ס'ווערט בטל און **צובראָכן** די מדידות והגבלות וואָס אַ איד האָט די כח, די בחירה, אַז ער זאָל זיך אַליין מיצר זיין, דורך דערויף וואָס ער וועט זיך אַליין מגביל זיין און זיך אַליין באַגרעניצן אין באַקומען

דעם אושר, דעם העכסטן גליק וואָס ס׳קען זיין ביי אַ פּאָטער און אַ מוטער, אַז ס׳וועט געבאָרן **נאָך** אַ קינד, און ער האָט **נאָך** נחת,

און דער נחת קומט ביי אים דוקא ניט אין אַן אופן פון ״חינם״ – אָן השתדלות, נאָר ער איז פאַרבונדן דערמיט וואָס ער האָט טירחה, און זי האָט טירחה, אין דעם **גידול** בנים ובנות – אָט דעמאָלט איז ״לפום צערא אגרא״ איז נאָך דער נחת נאָכמער **טיפער** און נאָכמער **ברייטער** און נאָכמער **רייכער**, ווי פון אַן ענין וואָס מ׳באַקומט אָן קיין השתדלות און אָן קיינע ספיקות און אָן קיינע בלבולים,

און אָן דעם בלבול – וואָס וועט זאָגן די שכנה וואָס לעבט אין אַ דירה איבער׳ן סטריט, איבער׳ן גאַס, צי זי וועט זאָגן אַז דאָס איז **אויסגעהאַלטן** לפי כללי המאָדע, אָדער ס׳איז **ניט אויסגעהאַלטן** לפי כללי המאָדע.

**ו.** וואָס די התחלה בזה הויבט זיך אָן, אַז ער באַטראַכט זיך, אַז ער האָט ״חלק אלוקה ממעל ממש״, און דאָס איז זיין **עיקר**, במילא איז צום אַלעם ערשטן דאַרף מען וויסן און פרעגן: וואָס זאָגט דער ״חלק אלוקה ממעל ממש״ – איז דערנאָך בדרך ממילא ווערט דער ״וכבשוה״ פון דעם חלל השמאלי, ״וכבשוה״ פון דעם גאַנצן ארץ,

וואָס אָט דעמאָלט ווערט דער ענין פון ״פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה״ אין פשוטו של מקרא, אַז מ׳נעמט-איין די אַלע ענינים גשמיים, אַז זיי ווערן ביי אים באַדינער: טאָמער דאַרף ער האָבן מערער געלט – האָט ער מערער געלט; דאַרף ער האָבן אַ גרעסערע דירה, וואָרום ס׳איז געבאָרן געוואָרן נאָך אַן אינגעלע און נאָך אַ מיידעלע – גיט אים דער אויבערשטער אַ גרעסערע דירה; דאַרף ער האָבן נאָך מלבושים, [און מלבושים **יפים**, וואָרום ס׳וועט געבאָרן אַ שיינער קינד דאַרף מען האָבן שיינע לבושים פאַר אים] – גיט ער אים [די] מעגליכקייט [צו] קויפן שיינע לבושים.

ועוד והוא העיקר, אַז ס׳וועט קינדער וואָס זיי זיינען נושא-חן ״בעיני אלקים ואדם״!

## ה. משיחת ר״ח שבט ה׳תשמ״א

### הנחה פרטית בלתי מוגה

**א.** ...און דאָס איז, כמדובר כמה פעמים, אַז דער אויבערשטער האָט געגעבן **בכמה** ענינים, ובפרט בהנוגע צו קיום המצוות, כולל אויך לימוד התורה, אַז ס׳זאָל זיין אַ בחירה חפשית, און בעט זיך ס׳זאָל זיין ״ובחרת בחיים״,

אף על פי וואָס ער איז מקדים לזה, אַז דער אויבערשטער איז ״נתתי לפניך את החיים״ און **דרך** החיים, און אויך דעם ענין הפכי, וואָרום ער וויל אַז מ׳זאָל בשכל עצמו, [און אויב מ׳קען דאָס ניט פועל זיין ביים שכל – **ברצון** עצמו **ובבחירתו** עצמו] אויסקלייבן דעם דרך החיים,

ס׳איז דאָך אָבער דאָ כמה ענינים בעולם וואָס ער האָט ניט אָפּגעגעבן בבחירתו של האדם, נאָר דאָס הענגט-אָפּ אינגאַנצן אָן דעם אויבערשטן.

וואָס דאָס איז אויך בהנוגע לקיום המצוה פון ״פרו ורבו״,

און ניט ווי רש״י טייטשט אָפּ, אַז ״פרו״ קען זיין אפילו **אחד**, נאָר ס׳זאָל זיין ״**ורבו**״, און ביז וואַנענט אין אַן אופן [פון] ״ומלאו את הארץ״,

וואָס דער קיום מצוה זו דאַרף מען דאָך אָנקומען צו די צוויי שותפים, צו דעם אב ואם,

דערנאָך אָבער, אַז ס׳זאָל זיין דער קיום המצוה **בפועל**, וואָס דאָס איז הולדת הבן והבת, הולדת הבנים והבנות – הענגט דאָס אָפּ אָן דעם **דריטן** ״שותף״, אָן דעם **אויבערשטן**, וואָס דוקא פון אים נעמט זיך דער כח האין-סוף, ווי ער ווערט נתגלה דאָ למטה, וואָס דאָס איז – אין הולדת בנים ובנות, וואָס זיי גייען בדרך התורה ומצוותי׳, כולל אויך די קיום המצוה ״פרו ורבו״, אַז זיי שטעלן אויף ״צבאות השם״ ודורות בישראל, עד פירות ופירי-פירות עד סוף כל העולם.

**ב.** וואָס בפשטות איז דאָס, אַז בנוגע צו **מקיים**-זיין די מצוה, מוז זיין די **התחלה** און די ״אתערותא דלתתא״ פון דעם אב ואם, אויף אויספאָלגן דעם ציווי פון ״עצם הטוב״, וואָס ״בטבע הטוב להיטיב״, וואָס דאָס איז איינער פון די גרעסטע גליקן און עצם הטוב: געבענטשט ווערן בבנים ובנות;

אַז די ברכה זאָל אַראָפּקומען **בפועל** – הענגט דאָס אָפּ בעיקר און מ׳מוז אָנקומען צו דעם ״שותף״ השלישי – צו ״**ברכת השם**״,

אין ברכת ה׳ **בכלל**, אַז מ׳זאָל געבענטשט ווערן מיט קינדער, בנים ובנות;

אין דערויף גופא זאָל דאָס זיין אין אַן אופן פון ״**תעשיר**״, אין אַן אופן פון עשירות, אַז דאָס איז קינדער, אינגעלעך און מיידעלעך, וואָס זיי זיינען ״רייך״ אין כל ענינים רוחניים, וואָס דאָס ברענגט דערנאָך אויך צו זיי די רייכקייט אין כל ענינים גשמיים,

וואָס דאָס קומט דאָך ביי אַ אידן דורך ״בחוקותי תלכו ואת מצוותי תשמרו ועשיתם אותם״, אַז די קינדער **פירן** זיך אַזוי – ווערן זיי געבענטשט אין ״ונתתי **גשמיכם** בעתם״, און ווי דער אַפּטייטש הידוע פון בעל שם טוב, אַז די **גשמיות** האָט מען דאָס אין אַן אופן פון ״נתתי״ – ״כל הנותן בעין יפה נותן״, און נאָכמערער – דאָס קומט-אָן ״**בעתם**״ – ווען מ׳איז יונג און שטאַרק און פריילעך און מ׳קען אויפנעמען די ״עשירות״ רוחנית וגשמית אין אַן אופן פון ״היות הגוף בריא ושלם״, אין תכלית הבריאות און אין תכלית השלימות.

...וואָס אין דערויף הענגט דאָס אָפּ – כמדובר – אינגאַנצן אין דעם אויבערשטן,

וואָס דער אויבערשטער וויס ווען ס׳איז די בעסטע צייט, ניט נאָר ברוחניות נאָר אויך **בגשמיות**, כמדובר, אַז די ברכות ה׳ גייען סיי ברוחניות סיי בגשמיות, [וואָרום באַ דעם אויבערשטן איז דאָך רוחניות וגשמיות איז ״השוה ומשוה״, כאָטש אפילו דאָס איז ״קטן״ און דאָס איז ״גדול״],

ווייס דער אויבערשטער ווען ס׳איז די בעסטע צייט אַז אַ קינד זאָל געבאָרן ווערן, און ווען ס׳איז די בעסטע צייט אין דעם סיי פאַר דעם **קינד**, סיי פאַר דער **מוטער** און סיי פאַר דעם

**פאָטער**.

**ג.** און אַז מ'מישט זיך אַריין מיט אייגענע חשבונות, און מ'זאָגט, אַז דאָס וועט מען אָפּלייגן אויף "מחר", און אַ צווייטן ענין וועט מען אָפּלייגן אויף "מחר לאחר זמן" – איז דאָ אַ סיפור נפלא וואָס די גמרא דערציילט בנוגע צו משה רבינו, [וואָס כאמור איז ער געווען דער "גואל ראשון" דורך דערויף וואָס מ'האָט אויפגעשטעלט די "צבאות השם" ו"הם הכירוהו תחילה" אין גלות מצרים, און ער איז אויך דער "גואל אחרון" – "משה ואהרן עמהם"].

זאָגט די גמרא אין מסכתא ברכות בתחילתה, אַז בשעת משה רבינו האָט געבעטן בײַ דעם אויבערשטן "הודיעני נא את דרכיך" – האָט אים דער אויבערשטער געענטפערט: "כשרצי**תי** – לא רצית", בשעת **איך** האָב דיר געזאָגט און **איך** האָב דיר גערופן און **איך** האָב דיר געוואָלט מאַכן פאַר אַ שליח, אָט דעמאָלט איז געווען "לא רצית", און דערפאַר איז געווען אויך דערנאָך "וראית את אחורי **ופני לא יראו**".

וואָס ס'איז דאָך חס ושלום צו זאָגן, אַז דער אויבערשטער איז געוואָרן "**ברוגז**", חס ושלום, אויף משה רבינו, און דערפאַר האָט ער אים "אָפּגעטאָן" און האָט אים ניט מקיים געווען רצונו – אפילו ביי אַ בשר-ודם השלם איז דאָס אויך ניט שייך צו זאָגן.

נאָר אין דערויף איז אַ הוראה, אַז דער אויבערשטער וויל, אַז אין יעדער ענין זאָל מען פילן, אַז מ'האָט אין דערויף אַ חלק און אַן אָנטייל; ניט אַז מ'באַקומט דאָס אַלס מתנה, אַלס "נהמא דכסופא",

– אף על פי וואָס דאָס איז אַ מתנה פון דעם אויבערשטן, וואָס "לי הכסף ולי הזהב", און ער איז דער כל-יכול, און חס ושלום ביי אים וועט גאָרנישט ניט פעלן, איז אף על פי כן איז וואָס שאַדט דאָס אַז ס'וועט זיין אַ מתנה, און "כל הנותן" איז דאָך "בעין יפה הוא הנותן"? –

זאָגט דער אויבערשטער, אַז ער וויל, אַז אַ איד זאָל האָבן **נחת** און זאָל האָבן **טוב**, סיי בגשמיות סיי ברוחניות, מיט דעם געפיל, אַז דאָס איז ניט חס ושלום "נהמא דכסופא", אפילו ניט מתנה אַליין פון דעם אויבערטשן, נאָר דאָס איז צוזאַמען מיט "קב שלו", אַז ער האָט אין דערויף אַריינגעלייגט זיך, און האָט [אין] דערויף גענומען איינטייל, ביז וואַנענט ווי תורת אמת רופט-אָן דעם פאָטער מיט דער מוטער בשם "**שותף**" צו דעם אויבערשטן, וואָס ער בענטשט מיט די ברכות בכלל און מיט ברכת בנים ובנות במיוחד.

וכמדובר, אַז בשעת מ'פאַרלאָזט זיך אויפן אויבערשטן, איז ער ווייס יודע עתידות, און יודע המצב בהוה, און מיט אַלע פרטים שבדבר – קלייבט ער אויס די **בעסטע צייט** און די **גוטע צייט**, ביז אין אַ תכלית השלימות, סיי פאַרן קינד און סיי פאַר דער מוטער און סיי פאַר דעם פאָטער.

משא"כ אַז מ'זאָגט "כשרציתי – לא רצית", אַז מ'פאַרלאָזט זיך ניט, חס ושלום, ווען ס'וועט זיין דער רצון ה', און מ'מישט אַריין דעם **אייגענעם** רצון, און מ'מאַכט אַ חשבון, וואָס יעדער מענטש, אפילו די גרעסטע צווישן זיי, זיינען דאָך מדוד ומוגבל אויף וויפל ער קען איסרעכענען און וויפל ער קען וויסן און וויפל ער קען אָפּשאַצן, און ער אַליין ווייס אַז ער איז מדוד ומוגבל,

איז בשעת ער לייגט אַרויף אָט די מדידות והגבלות, און ער זאָגט, אַז ניט ער פאַרלאָזט זיך ווען ס'וועט זיין "רצי**תי**", דער רצון ה', און ער וואַרט אַז ס'זאָל זיין און שטעלט אויס דעם חשבון אין "לא רצי**ת**", בזמן פלוני ביום פלוני – איז אָט דעמאָלט פעלט דער ענין פון דער כלי מתאים אויף אויפנעמען, אַז דערנאָך זאָל זיין די "ברכת ה' היא תעשיר",

ביז – "היא תעשיר" אויך אין תכלית השלימות אין ענינים רוחניים.

**ד.** ובפשטות בענינינו, אַז זיכער איז דער אויבערשטער "מאריך אף", על אחת כמה וכמה אַז די כוונה איז לטובה – כדי מ'זאָל האָבן אַ גוף בריא ושלם, ווייזט זיך אויס, אַז אויב מ'וועט זיך ניט אַריינמישן אין דעם אויבערשטנ'ס סדרים וועט דאָס שאַדטן, דורך צער העיבור אָדער צער הלידה אָדער צער גידול בנים, וועט דאָס שאַדטן אָדער דער מוטער אָדער דעם פאָטער אָדער דערנאָך אין דעם גידול בנים – דערפאַר וואָס ס'וועט זיין אַ קינד נאָך אַ קינד און ווי אַזוי קען מען זיך מיט זיי מטפל זיין בטיפול הראוי.

און בשעת מ׳גיט זיך אַליין אַ פרעג, ווי זי זאָגט דאָך און ער זאָגט דאָך אין ברכת המזון, אַז דער אויבערשטער איז ״זן ומפרנס לכל בטובו בחן ובחסד וברחמים״, און מ׳זעט בפועל, אַז ער האָט בכח צו מפרנס זיין **פיר ביליאָן מענטשן**!

וואָרום דאָס וואָס מ׳זאָגט ״הזן ומפרנס לכל״ גייט דאָך דאָס ניט נאָר אויף אידן, נאָר דאָס גייט אויף ״**לכל**״ – אויף אַלע בני-אדם וואָס זיי זיינען עלי אדמות, און נאָכמערער – אויך כולל די בעלי-חיים און די גראָז, וואָס יעדערע פון זיי דאַרף דאָך אָנקומען צו מזונו, אף על פי וואָס דער מזון איז ניט גלייך ביי אַ מדבר צו אַ בעל-חיים, צו אַן עשב, און באַ אַ מדבר גופא – מזונו של בנו אָדער בתו של מלך מלכי המלכים הקב״ה.

אָבער דאָס נעמט מען באַ זיך אַליין צו אָט דעם עילוי וואָס מ׳האָט דורך דערויף וואָס מ׳ווערט אַ שותף אמיתי,

וואָס אַ שותף איז ניט דער פירוש, אַז ער זאָגט, אַז ער איז מחליט על דעת עצמו, און די אַנדערע שותפים דאַרפן אים פאָלגן; אַ שותף בהנוגע צו אב ואם איז קענען זיי **טראַכטן** די דיעה און **זאָגן** אַ דיעה, דערנאָך דאַרף מען אָבער מחליט זיין לויט די דיעה אויך פון כל השותפים כולם, על אחת כמה וכמה פון דעם שותף השלישי, פון דעם אויבערשטן, וואָס ער האָט געזאָגט זיין ״דיעה״ אין תורתו, תורת חיים, הוראה בחיים, כמבואר, און אין ״שולחן ערוך לפניהם״, אין הלכה ברורה.

וואָס דערפאַר, וויבאַלד אַז מ׳איז אַ ״נוגע בדבר״, איז דער איינציקער מחליט בדבר וואָס איז דעם אויבערשטנ׳ס – דעם דריטן שותפ׳ס – דיעה בזה, איז דאָס מערניט ווי אַ **רב**, וואָס ער האָט מקדיש געווען זמנו ושכלו אויף מברר זיין פסקי דינים פון תורתנו תורת אמת, און גיט-איבער די דיעה פון שולחן-ערוך לכל השואלים אותו אָדער לכל השואלות אותו, ווי אַזוי מ׳דאַרף זיך פירן און וואָס מ׳דאַרף טאָן – לאחרי ווי ער הערט-אויס אָט די אַלע טענות.

**ה.** ובפרט נאָך, אַז בשעת מ׳ווערט זיך מתבונן זיין אין די דברים האמורים, כאמור לעיל, אַז מ׳האָט די דיעה מערניט ווי אויף **מעכב** זיין, אָפּלייגן דאָס אויף שפּעטער; צי מ׳ווערט דערנאָך געפינען די פּאַסענדע צייט, וואָס דאָס דאַרף זיין די פּאַסענדע צייט פאַר דער מוטער און פאַר דעם פאָטער, און דער עיקר פאַר די קינדער, וואָרום זיי דאַרפן דאָך דערנאָך לעבן כל חייהם עלי אדמות, וואָס דאָס הויבט זיך אָן און דאָס איז תלוי במדה גדולה אין דעם אופן און זמן ההריון והלידה והחינוך, ובפרט אין ״חנוך לנער על פי דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנו״ – דעם חינוך אין די ערשטע יאָרן, גלייך מרגע הראשונה שבא לעולם, און דערנאָך אין די ערשטע יאָרן, וואָס לייגן דעם יסוד אַז מ׳זאָל זיך ניט רעכענען מיט ״מלעיגים״, אפילו ניט מיט ״שכנתה״ ו״גרת ביתה״.

און די טענה, אַז דער אויבערשטער האָט דאָך געמאַכט, אַז מ׳זאָל **האָבן** צוטאָן מיט ״שכנתה״ ו״גרת ביתה״ –

דערציילט ער אין שיעור פון היינטיקן טאָג, אַז דאָס דאַרף מען אויסנוצן ווי דער **אויבערשטער** וויל, כדי דורך דערויף **מקיים**-זיין מצוות ה׳, און ניט חס ושלום, וויבאַלד אַז דאָס איז אַ שכניטע אָדער אַ ״גרת ביתה״ וואָס איז מלעיג, איז אָט דערפאַר איז טוט ער איר נאָך און גיט איר נאָך – בשעת זי אָדער ער ווייס בעצמו, אַז דער ענין איז ניט אויסגעהאַלטן על פי שכל פון נפש **האלקית**, אפילו ניט על פי שכל פון נפש **השכלית**, אפילו ניט על פי שכל פון נפש **הבהמית**,

וואָרום יעדער איד איז דאָך אַ מאמין ומאמינה, בן מאמין ובת מאמינה, און גלויבט, אַז דער אויבערשטער איז ״זן ומפרנס לכל״ ״בטובו בחן בחסד וברחמים״,

און אמת טאַקע ס׳דאַרף זיין אַ כלי און אַ הנהגה, אַז מ׳איז זיך ניט סומך על הנס, נאָר ״וברכך הוי׳ אלקיך בכל אשר **תעשה**״ –

אָבער אף על פי כן ווערט מען ניט טאָן על יסוד זה אַן ענין פון היפך פון שולחן-ערוך – מאַכן אַ מסחר וואָס איז ניט אויסגעהאַלטן על-פי שולחן-ערוך חושן משפט אָדער די הלכות שבת ויום-טוב וראש-השנה ויום-הכיפורים וכיוצא בזה,

און דאָס גייט דאָס **בפשטות**,

און דוקא אין אַזאַ ענין עיקרי, וואָס אין דערויף, כאמור, ווערט נתגלה דער כח האין-

סוף פון דעם אויבערשטן עד סוף כל הדורות: בשעת ס'ווערט געבאָרן בנים ובנות וואָס זיי גייען בדרך התורה – האָבן זיי אויך בנים ובנות, עד סוף כל הדורות, וכמדובר בארוכה און שוין געדרוקט אין ספרים, און נאָכמער אין מאמרים און מדרשי חכמינו ז"ל, וואָס זיי זיינען אויך רבותינו ז"ל.

**ו.** און ווי כאמור, אַ חשבון וואָס ווערט פאַרשטאַנדיק אויך פאַרן נפש הבהמית, אַז די טעמים וואָס מ'זאָגט אַז מ'דאַרף זיך אָפּרוען פון דעם צער העיבור והלידה וגידול בנים אַ משך זמן, כדי מ'זאָל דערנאָך קענען זיין דער עיבור און די לידה און דער גידול בנים אין אַן אופן בשלימות –

ווייס דער אויבערשטער אויך אָט דעם חשבון, במכל-שכן וקל-וחומר, אָבער **בהוספה** בזה, אַז דער אויבערשטער ווייס ניט נאָר דעם חשבון ווי מ'קען אים זען בעיני **בשר**, ווי דאָס וועט זיך פירן די נעקסטע פאַר טעג אָדער פאַר חדשים אָדער פאַר יאָרן, נאָר – ווי ס'וועט זיך פירן און ווי ס'וועט זיך אויסווירקן אויף די קינדער **עד סוף כל הדורות**.

וואָס דערפאַר איז דער חשבון – – און ניט חס ושלום וואָס מ'וויל אימעצן אָנשרעקן, מערניט ווי איבער'חזר'ן, אָט דאָס וואָס ס'שטייט אין תורת אמת, וואָס זי איז תורת חיים, הוראה בחיים,

אַז מצד "טבע הטוב" וויל דער אויבערשטער ניט **מכריח** זיין אין דעם, און גיט-איבער די בחירה חפשית צי מ'לאָזט דעם אויבערשטן געבן ברכת בנים ובנות **בזמן** המתאים **ובאופן** המתאים.

**ז.** וכידוע דער פתגם פון נשיא דורנו, פון רביין דעם שווער, אַז דער יצר-הרע קען זיך אָנטאָן אַ זיידענע זופּיצע און קומען צוגיין מיט דער התחלה "היום אומר לו **כך**", אַז ער איז מסכים דערצו וואָס אַ איד וויל, און אַז ער זאָגט אַז מ'וויל זיך משתתף זיין אין מבצעים – איז ער זיכער מסכים,

דערנאָך מאַכט ער דערפון אַ מסקנא, אַז וויבאַלד אַז מ'וויל טאָן אין מבצעים, דאַרף מען דאָך האָבן פרייע צייט אויף דעם, במילא מ'קען דאָך ניט פאַרלאָזן די קינדער חס ושלום אויף הפקר, איז במילא דאַרף מען אָפּוואַרטן אַ משך זמן צווישן איין קינד מיט דעם צווייטן אָדער צווישן צווייטן מיטן דריטן, כדי ס'זאָל בלייבן זמן פנוי אויף טאָן אין די מבצעים של הקב"ה, אין הפצת התורה והיהדות, כולל הפצת המעיינות, וואָס דאָס איז דאָך מעיינות תורת הבעל שם טוב, וואָס זיי זיינען מעיינות פון דברי אלקים חיים, פון תורת מלך מלכי המלכים הקב"ה.

איז כאמור לעיל, דער אויבערשטער ווייס אויך אָט דעם חשבון, און אויב ס'איז וויכטיקער איר טאָן אין מבצעים אָדער אין הפצת היהדות בכלל וכיוצא בזה – וועט דער אויבערשטער אַזוי אויסשטעלן אַז ס'זאָל זיך אָפּהאַלטן און ס'זאָל קומען "הכל עשה יפה בעתו",

און אויב דער אויבערשטער בענטשט מיט אַ קינד נאָך פאַר דער צייט ווי איר ווייזט זיך אויס אַז ס'איז בעסער פאַר מבצעים –

איז דאָס גופא אַ הוכחה, אַז דאָס איז, אין איר לעבן און במילא אויך פאַר דעם לעבן און דעם קיום פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק, טוט זיך אויף **מערער**, און **שלא-בערך**, דורך קיום המצוה פון "פרו ורבו" אין אַן אופן פון "**ומלאו** את הארץ" – ווי זי וואָלט געקענט אויפטאָן דורך מבצעים!

וכמדובר און אויך מרומז אין מדרש, אַז דער ענין פון תורה ומצוותי', וואָס לימוד מביא לידי מעשה, "מחשבתה של תורה" קדמה לעולם, ס'איז אָבער דאָ אַ מחשבה וואָס איז נאָך **פאַר דערויף**, וואָס דאָס איז אַ מחשבה פון אידן:

אַז ס'זאָל געבאָרן ווערן נאָך איד, צי דאָס איז אַן אינגעלע אָדער אַ מיידעלע – זאָגט תורת אמת און תורת חיים, אַז דאָס איז "קדמה" אפילו ל"מחשבתה של תורה"!

וואָס דאָס איז אויך די הסברה בזה, [אויך אין אַן אופן פאַרשטאַנדיק אפילו פאַר שכל פון נפש הבהמית], אַז ס'ווערט געבאָרן נאָך אַ קינד, און מ'איז אים מחנך מיוסד על התורה

והמצוה – איז אָט דער קינד ווערט דערנאָך אַ פועל – אַן אויפטוער – אין די אַלע ענינים פון די מבצעים, נאָך מערער – קען זיין – ווי ס'וואָלט געקענט אויפגעטאָן ווערן דורך דעם מוטער אָדער דורך דעם פאָטער,

ובפרט נאָך, אַז דערנאָך גיט דער אויבערשטער גענוג צייט, און גיט **הצלחה** אין דעם זמן, אַז מ'זאָל קענען אויפטאָן אין דעם זמן וואָס בלייבט פנוי פון קיום שאר המצוות – אויפטאָן אין מבצעים,

וואָס בשעת מ'האָט הצלחה אין דעם זמן – טוט מען אויף "בשעתא חדא וברגעא" חדא כמה פעמים ככה ווי מ'וואָלט געקענט אויפטאָן ווען מ'לייגט אָפּ דער קיום המצוה העיקרית וראשונה בתורה פון "פרו ורבו ומלאו את הארץ" מפני דער טענה פון מבצעים.

**ח.** און אָט דאָ קומט-צו נאָך אַן ענין און נאָך אַ טענה, וואָס דאָס איז אויך מיוסד און מבוסס אויף אַ טעות גמורה:

על פי תורת אמת און תורת חיים זאָגט די תורה, אַז "לא נבראה אשה אלא ליופי".

וואָס דאָס איז אין הלכה יוצאה מידי פשוטה און אין תורה ומאמרי חז"ל יוצאים מידי פשוטם, אַז תורה וויל, אַז יעדער אידישע פרוי זאָל זיין אין אַ מעמד ומצב פון "יופי" – זעלבסט-פאַרשטענדליך יופי רוחני, און זעלבסט-פאַרשטענדלעך אָבער אויך יופי בגשמיות וכפשוטו,

[וואָס דאָס איז דאָך פאַרשטאַנדיק אין דער סוגיא, וואָס ס'ווערט דאָרט געבראַכט אַז ס'איז דאָ אַזעלכע וואָס זיינען יראת ה' און "מיוחסות" וכו', און דערנאָך איז דאָך "יפיפיות שבהן אומרין"].

דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט אין תורה, אַז ס'דאַרף זיין "כל כבודה בת מלך פנימה", אַז דעם יופי דאַרף מען נוצן "פנימה" – בביתה, אין אַן אופן פון **צניעות**, וואָס דעמאָלט איז מען זוכה לכל טוב בעולם ביז אין אַן אופן פון "תכלית הנחת וואָס מ'האָט פון קינדער,

ווי די גמרא ברענגט אויף דערויף די דוגמא אַז ס'איז געבאָרן געוואָרן דער איש הקדוש ביותר צווישן אַלע אידן, אַ כהן גדול, און געבאָרן געוואָרן ניט איינער נאָר כמה וכמה, וואָס אַ כהן גדול איז ניט נאָר געוועז אַ קדוש ברוחניות, נאָר אויך ער איז געווען "גדלהו משל אחיו", "הגדול מאחיו" – "גדלהו משל אחיו", ער איז געווען עשירות בגשמיות כפשוטה.

וואָס דאָס איז אויך כולל "עשירות" אין בריאות הגוף, וואָס אַ כהן בגלל העובד בקודש טאָר דאָך ניט זיין קיין בעל-מום, און בפרט נאָך אַ כהן גדול וואָס ער דאַרף דאָך זיין בתכלית היופי – אויך יופי כפשוטו.

אָבער וואָס וויל דער אויבערשטער, בנוגע צו יעדער אידישע פרוי? – אַז זי זאָל זיין בתכלית הצניעות, "פנימה", אָבער דאָרטן, אין "פנימה" – זאָל דאָס זיין אין אַן אופן פון "**כל כבודה**". ניט נאָר סתם כבוד און ניט נאָר סתם יופי, נאָר – אַזאַ יופי רוחני, צוזאַמען מיט יופי גשמי, ביז יופי כפשוטו,

וואָס דערפאַר איז דאָס אויך פאַרבונדן אַז ס'איז דאָ די מצוה בתורה פון "שארה כסותה .. לא יגרע", אַז מ'דאַרף צושטעלן נשי ובנות ישראל "כסותה" – לבושים יפים,

ביז וואַנענט אַז דאָס ווערט אַ מצוה בתורה, צוזאַמען מיט שמחת יום-טוב, וואָס בזמן הזה איז ניטאָ קיין "שלמי שמחה", איז די שמחה בבשר לכמה דיעות מערניט ווי מדרבנן, אָבער "משמחה" מיט נעלים ושמלות ובגדים יפים איז דאָס אַ מצות-עשה מן התורה, און דאָס איז פאַרבונדן מיט שמחת יום-טוב, "ושמחת בחגיך", וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט ראיית "פני ה'" – עלי' לרגל כפשוטה, בזמן שבית המקדש הי' קיים; "עלי' לרגל" ברוחניות, כמבואר בארוכה בכמה מקומות וואָס איז דער ענין בזמן הזה בכל יום טוב ויום טוב,

וואָס דער ענין פון יום-טוב איז דאָך, אַז מ'זאָל ממשיך זיין פון יום-טוב וכל ענינים טובים שבו – על כל ימות השנה, עד היום-טוב הבא לאחרי זה, וואָס דעמאָלט ווערט דאָס נתחדש ביתר שאת וביתר עוז.

**ט.** וואָס דאָס איז, כאמור, די טעמים **פשוטים** בדבר,

און די טענה אויך, אַז די גמרא אַליין זאָגט, אַז בשעת ס׳איז דאָ עיבור און דערנאָך לידה, ריכט דאָס אָן די יופי האשה –

האָט דאָס דער אויבערשטער זיכער געוואוסט דערפון, תנאים ואמוראים זיכער געוואוסט דערפון – און אף על פי כן האָבן זיי מבטיח געווען, אַז ״לא נבראה אשה אלא ליופי״, און ב׳שעת מ׳היט-אָפּ די ״פנימה״ – איז אָט דעמאָלט האָט מען ״כל כבודה בת מלך פנימה״,

און אף על פי וואָס לימים, אָדער לשבועות, אָדער אפילו לחדשים אחדים, ווייזט זיך אויס, אַז ס׳פעלט עפּעס אין דעם ענין, און קען גאָר זיין אַז ס׳פעלט טאַקע אין דעם ענין – איז דערנאָך ווערט, פאַרקערט, דער ״יתרון האור״, פאַרבונדן מיט ״יתרון החכמה״, אַז מ׳כאַפּט זיך אויפן אמת׳ן שכל און אויף דער אמת׳ער חכמה,

וכמדובר כמה פעמים, אַז לכאורה איז דאָך דער ענין וואָס ס׳איז דאָ דער טהרת המשפחה, וואָס דאָס איז פאַרבונדן אַז כמה וכמה ימים דאַרף זיין דער ענין פון **פרישות**, אף על פי וואָס ס׳איז דאָך מצות-עשה מן התורה ״שארה כסותה ועונתה לא יגרע״, און מ׳זאָגט אַז דאָס איז אַ קיום מצוה בפני עצמה בשעת מ׳איז מקיים ״ועונתה לא יגרע״ –

אף על פי כן, צוזאַמען דערמיט זאָגט דער אויבערשטער, אַז ס׳איז דאָ זמנים וואָס דעמאָלט דאַרף זיין דווקא **פרישה**, ביז וואַנענט אַז ס׳ווערט אַזוי אָנגערופן, אַז זי איז ״נדה מבעלה״, זי איז אָפּגעשיידט ביז אין אַן אופן אַז זי ווערט אַזוי **אָנגערופן** בימים אלו,

איז דאָס ניט חס ושלום כדי צו **מאַטערן** אימעצן, אָדער צו פועל זיין היפך החביבות – נאָר אדרבא, דאָס איז די וועג, אַז דערנאָך ווערט די חביבות ביתר שאת וביתר עוז,

ווי מ׳זעט דאָס אויך בפועל אין די וואָס היטן-אָפּ די דינים וחוקים, [וואָס באמת איז דאָס גאָר ניט קיין חוקים, אף על פי וואָס **מ׳דאַרף** זיי מקיים-זיין אַלס ״חוקים״, ווארום דאָס איז מובנים אויך בשכל אנושי], און ווי מ׳זעט דאָס אויך בפועל, אַז וואו איז דאָ דער ענין פון חביבות אשה על בעלה שלא בערך מערער – ווען מ׳היט-אָפּ די זמנים פון פרישות, ווי באַ די וואָס פירן זיך היפך ההלכה אין די ענינים, וואָס אין כאן המקום להאריך בזה.

**י.** וואָס דאָ קומט מען צו נאָך אַ נקודה, וכמדובר כמה פעמים, אַז מ׳קען זיך דינגען אין שכל בשעת ס׳איז פאַרבונדן מיט אַ השערות, איז ״אין דיעותיהן שוות זה לזה״, רעדט מען און מ׳טענה׳ט איין, און מ׳באַווייזט אַלע ראיות שכליות, און דערנאָך זאָגט ער, אַז זיין שכל איז טאַקע אַ קרומער, אָבער ״אין לו״ – ער פירט זיך לויט זיין שכל.

במה דברים אמורים? ווען דאָס רעדט זיך אין אַ שכל איידער ס׳איז געווען דערנאָך דער **פועל**, און מ׳האָט אַ ראי׳ פון מעשה בפועל, פון ״מעשה רב״.

בשעת ס׳רעדט זיך אין אָט די אַלע טענות, [מיט די טענות וואָס מ׳האָט זיי דאָ ניט דערמאָנט אָבער ס׳איז ידע איניש בנפשי׳ וואָס מ׳האָט געהערט וכיוצא בזה], האָט מען, ווי דער אידישער פאָלק בפרט האָט, אַז ער איז דורכגעגאַנגען דריי מיט אַ האַלבן טויזנט יאָר זינט מתן תורה, ובמשך זמנים אלו איז געווען באַ אידן סיי ״ראשיכם״ סיי ״שואב מימיך״; סיי אָט די וואָס האָבן מקיים געווען מצוות אין אַן אופן פון ״מהדרין מן המהדרין״, סיי אָט די וואָס האָבן זיך געפירט אין אַן אַנדער אופן לגמרי.

אַזוי אויך בהנוגע לקיום מצוה ראשונה שבתורה, ״פרו ורבו ומלאו את הארץ״.

וואָס די שינוי ההנהגה בזה איז ניט נאָר מכאן ולהבא, און מ׳דאַרף משער זיין וואָס וועט זיין די תוצאות, אַז מ׳וועט זיך פירן באופן כך אָדער מ׳וועט זיך פירן אין אַן אופן שונה – דאָס איז ניט קיין ענין של **השערה**; מ׳האָט פאַר די לעצטע פופציק יאָר, אָדער זעכציק יאָר, אָדער פערציק יאָר, על כל פנים במשך מערער ווי צוויי דורות, זעט מען די ענינים ווי זיי שטייען במעשה בפועל:

אין די משפחות וואָס האָבן זיך געפירט מיט אָט די אַלע חשבונות, און מ׳האָט דאָס אַזוי דורכגעפירט במעשה בפועל, און מ׳פאַרגלייכט זיי מיט די משפחות וואָס האָבן זיך פאַרלאָזן אויפן אויבערשטן און האָבן זיך געפירט בדרך התורה ומצותי׳, כולל ועיקר אויך אין דעם קיום מצוה ראשונה בתורה,

און מ׳פאַרגלייכט ווי אַזוי ס׳איז געווען דער אחוז – דער פּראָצענט – אַז דער שלום-בית, און דער שלום-בית אמיתי, על אחת כמה וכמה אַז ס׳האָט ניט געבראַכט צו אַ **גט** חס

ושלום, אָדער צו אַ **קריגעריי** חס ושלום, אָדער צו אַ **פוגע** זיין אין דעם מהלך נפש, אין דער אינער איבערלעבונגען און דעם חינוך פון די קינדער, איז צי זיי זיינען געוואַקסן אין אַן "אוירה", אין אַ שטוב, וואו ס'איז געווען שלום ושלוה, אָדער ס'איז געווען אָנגעצויגן און נערוועז און קריגעריי בדיבור, אָדער על כל פנים ניט קיין קירוב הלבבות בין איש לאשתו, וואָס דאָס מוז זיך אויך אויסווירקן אויף די בנים און די בנות וואָס געפינען זיך אין הויז,

ווען מען פאַרגלייכן דעם אחוז ווי ס'איז געווען אין די הייזער וואָס האָבן זיך געפירט אָן חשבונות, נאָר פאַרלאָזן זיך אויף דעם **אויבערשטנ'ס** חשבון, און די וואָס האָבן זיך געפירט מיט די חשבונות – וועט מען זען, אַז די מוטערס מיט די פאָטערס זיינען געווען געזינטער, און האָבן געהאַט פרנסה ניט שווערער ווי ס'איז געווען די פרנסה אין אַנדערע הייזער, ואדרבא – בעסער,

און דער עיקר, די פרנסה איז אַוועקגעגאַנגען מערניט ווי אויף געזונטע זאַכן, מ'האָט ניט געדאַרפט פרעגן עצות ביי אַ "סייקייעטריסט" און ביי אַ נערוון-דאָקטער, ווי אַזוי קען מען זיך באַרואיקן בשעת מ'איז אויפגערעגט, וואָרום מ'פירט אַ לעבן וואָס איז ניט נאָרמאַל לויט די דרישות פון דעם גוף **הגשמי**. – מ'רעדט שוין ניט וועגן די דרישות פון תורתנו הקדושה, להבדיל.

**יא.** וכאמור דאָס איז ניט אַ אַן ענין וואָס ס'איז רזי וסתרי העולם; מ'זעט דאָס בפועל: אַז מ'איז ניט קיין משוחד און מ'קוקט אין אַ חשבון צדק, **בעיני בשר**, און מ'פאַרגלייכט ווי ס'האָט אויסגעזעען במשך פון די צוויי-דריי דורות האחרונות,

[וואָרום ביז דעמאָלט איז גאָר ניט געווען קיין קא-סלקא-דעתך אַז מ'זאָל זיך אַריינמישן אין דעם אויבערשטנ'ס הנהגה, ובפרט אין אַזאַ [ענין] עיקרי ווי הולדת בנים ובנות],

אָבער געבאָרן געוואָרן מיט דריי דורות צוריק, אָדער בערך מיט דריי דורות צוריק, איז שוין דאָ דער ענין פון "בתלתא זימנא הוי חזקה", אַז מ'זעט די תוצאות דערפון ווי דאָס האָט זיך אויסגעווירקט אויפן אמת'ן גליק און אמת'ן גליקלעכן לעבן פון פאָטערס און מוטערס, און דערנאָך אויך ווען זיי זיינען געוואָרן זיידעס און באָבעס, און די יחסים פון דעם בעל לאשתו, כאָטש אפילו זי איז דורכגעגאַנגען מיט איין מאָל מערער דער צער העיבור און צער לידה און צער גידול בנים, אָדער מיט צוויי מאָל מערער אָדער מיט דריי מאָל מערער ווי ס'איז געווען באַ "שכנתה" און "גרת ביתה" –

וועט מען פאַרשפּאָרן ליגן אין השערות, וואָרום די תוצאות פון דעם חשבון פשוט זיינען **בולט ומודגש**, עד כדי, אַז ס'בלייבט ניט **קיין ספק**, אַז ניט קוקנדיק וואָס דער שכל **הבהמי** וויל איינרעדן, ביז וואַנענט אַז ער פועל'ט אויך אויף שכל האנושי, ביז וואַנענט אַז ער פועל'ט אויפן שכל פון נפש האלקית,

און מ'פועל'ט ביי אַ רב, אַז ער ברענגט די טענות, און זאָגט דאָס כאילו אַז דאָס זאָגט אַ **פרוי** צו אים; ער זאָגט דאָס אָבער מיט אַזאַ חיות און מיט אַזאַ לעבעדיקייט – אַז מ'זעט, אַז ביי אים אַליין איז דער ענין שוואַכלעך!

ער איז אַ רב, קען ער ניט זאָגן פאַרקערט פון שולחן-ערוך; ער דאַרף דאָך אָבער פועל זיין אויף אַ צווייטן – דאַרף דאָס זיין "**דברים היוצאים מן הלב**"! ניט נאָר מן השכל.

און בשעת לבו איז, מסיבות שונות ומשונות, אַז ער האָט ניט אין זיך אָט די תקיפות – ענטפערט ער אויך אין אַזאַ אופן, אַז דערנאָך בלייבט ביי דעם שומע, ביי דער שומעת, בלייבט אויך אַ ספק, צי דאָס זאָגט ער אַזוי און **מיינט** טאַקע אַזוי, צי דאָס זאָגט ער אַזוי דערפאַר וואָס ער **דאַרף** זאָגן אַזוי,

און במילא איז מה-דאָך אַז ביי אַ **רב** איז דאָס ניט בתוקף – איז דאָך דאָס גופא אַ הוכחה, אַז זי מעג זיך פירן ווי ביי איר קומט אויס.

**יב.** וכמדובר, אַז בעצם דאַרף מען גאָר ניט פרעגן ביי רבנים, וואָרום דאָס איז דאָ – – ס'איז דאָך איצטער געוואָרן אַ צייט אַ יעדערער לייענט צייטונגען, און יעדערער קוקט אין ביכער, און יעדערער ווערט אַ מומחה בכל הענינים שבעולם, אַז ער רעכנט אַז ער איז אַ מומחה אין די ענינים וואָס זיינען נוגע **לו** אָדער **לה**,

בשעת ער וועט אָבער געפינען אַ געדרוקטן **בוך**, וואָס דעמאָלט איז דאָך דער בוך איז שוין געדרוקט, און ער וועט דאַרטן אַ קוק-טאָן די **תוצאות**,

נוסף וואָס ער דאַרף גאָר ניט קוקן אין די ביכער; ער וועט זיך צוקוקן צו די זיידעס און באָבעס, צו זיין זיידע, צו איר זיידע, צו איר באָבע, אָדער צו אַנדערע עלטערן – וועט ער זען וואו זיינען געווען חיים של אושר, און וואו איז געווען חיים של קירוב הלבבות של איש לאשתו, און וואו איז געווען אַ אשה יפה באמת, אָבער זי האָט דאָס געהאַלטן "פנימה", ווייס דערפון ניט די שכנה'טע ו"גרת ביתה", און זי וויל איר איינרעדן קאַפּויר ווי די מעשה איז בפועל,

וואָרום דאָס איז, כאמור, אַ יסוד אין תורה, אַז אַ איד דאַרף האָבן אַלע צרכים זיינע, במילא וויל דער אויבערשטער אַז אַזוי זאָל דאָס זיין בפועל,

כולל אויך, וויבאַלד אַז "לא נבראה אשה אלא ליופי" – אַז זי זאָל האָבן דעם יופי, און אף על פי אַז דאָס איז פאַרבונדן אַז לזמן איז דאָ זמני פרישות, און ס'איז דאָ זמנים וואָס אָט דעמאָלט איז דאָס פאַרבונדן מיט עיבור, לידה וטירחה פון גידול בנים, איז דעמאָלט **על-פי טבע** וויל דער אויבערשטער, אַז דאָס זאָל מאַכן אַ רושם אויף דעם יופי, **לפי שעה**, כדי אַ אידישע פרוי זאָל באַוויזן, אַז זי שטייט-ביי דעם נסיון, און ניט זי טוט דאָס דערפאַר וואָס זי האָט מערניט ווי טוב **גלוי** און ס'איז ניטאָ אין דערויף קיינע נסיונות און קיינע שוועריקייטן און קיינע השתדלות, ס'איז כולו טוב –

זאָגט דער אויבערשטער, אַז ער גיט מלכתחילה צוויי וועגן, אָבער מודיע אַז דאָס איז דער וועג פון "החיים", וואָס דאָס איז פאַרבונדן "ואת הטוב", וואָס "חיינו ואורך ימינו" איז דאָס דער ענין פון תורה בכלל,

ובפרט נאָך אין אַן ענין עיקרי, כמדובר אַז "מחשבתן של ישראל" קדמה אפילו למחשבתה של תורה, און בהנוגע צו דער **עיקר** בזה, וואָס דאָס איז דער "כה תאמר לבית יעקב", באמירה רכה, "לבית יעקב" אלו **הנשים**, אָבער מ'זאָגט דעם **אמת**, און ווי מ'זאָגט אַ דבר אמת, וואָרום דאָס איז דבר ה', וואָס "הוי' אלקים אמת", און ער האָט דאָס איבערגעגעבן דורך תורת אמת –

אָט דעמאָלט שרעקט מען זיך ניט וואָס לרגע קטן אָדער לימים ספרים, אדער אפילו לחדשים, ווייזט זיך אויס אַז מ'וועט דאַרפן טאָן ווייניקער אין מבצעים, אָדער מ'וועט **טאַקע** דאַרפן טאָן ווייניקער אין מבצעים, דערפאַר וואָס דאָס איז נאָך **טייערער** און נאָך **בעסער** פאַר די מבצעים עצמם. כמדובר לעיל.

בדוגמא ווי מ'פירט זיך אָן קיינע ספיקות און ס'איז דאָ די זמנים של פרישות, און מ'ווייס ברור, ווי יעדערער ווייס דאָס באַ זיך, אַז דערנאָך איז דאָ דער יתרון אין דעם אור און אין דער חכמה און אין דער חביבות און קירוב הלבבות –

זעט מען דאָס אַזוי אויך אפילו **בקירוב** זמן פון דעם עיבור און די לידה און דעם גידול ובנים,

על אחת כמה וכמה אַז ס'גייט-דורך נאָך עטלעכע יאָר און די קינדער וואַקסן אויף, און דער אויבערשטער איז מצליח אַז מ'זעט פרי "עולמך תראה בחייך", אַז **זי זעט עולם-הבא בפשטות אין עולם-הזה**! דורך אמתי'ן אייביקן נחת פון קינדער און קינדס-קינדער, צוזאַמען מיט אויך נחת **בפשטות**, וואָס אפילו "שכנתה" ו"גרת ביתה" מוז שוין אויך מודה זיין, אַז זי האָט זיך געפירט אין דעם וועג, איז אף על פי וואָס דאָס איז דער וועג וואָס ס'האָט זיך געפירט "זקניך ויאמרו לך", אַזוי האָט זיך געפירט די באָבע און דער באָבעס באָבע וכו'...

**יג.** וואָס אָט דאָ זעט מען אַ דבר פלא, וואָס דאָס איז אויך אַ הוראה אין תורה:

יעדער פון די פיר אמהות, פון שרה רבקה רחל לאה, ווערט דאָך וועגן זיי דערציילט פאַרשידענע הנהגות זייערע, פאַרשידענע פעולות זייערע, דערציילט אין תורה-שבכתב, נאָכמערער אין תורה שבעל-פה – מיט דער כוונה, אַז דאָס זאָל ווערן אַ הוראה פאַר יעדער אשה ובת בישראל עד סוף כל הדורות.

וואָס כאמור, איז אינו דומה די הנהגה פון יעדערע פון די ד' אמהות צו די אַנדערע דריי.

מיט איין אויסנאַם. וואָס ס'ווערט דערציילט דער צד השוה בכולם, און דערציילט מיטן גאַנצן תוקף, אַז יעדערע פון זיי, סיי שרה סיי רבקה סיי רחל סיי לאה, האָט זיך יעדערע פון זיי געשטעלט בתוקף און געמאָנט באַ די מענער, און געמאָנט באַ דעם אויבערשטן, און **מתפלל** געווען, און **מבטל געווען גזירות**, אויב ס'איז חס ושלום געווען אַ גזירה, **כדי מ'זאָל האָבן קינדער**!

און דערציילט ניט נאָר אין תורה שבעל-פה באריכות בזה; אפילו אין תורה-שבכתב, וואָס יעדער וואָרט איז אויסגערעכנט, ביז וואַנענט אַז פון איין וא"ו אין תורה לערנט מען אָפּ אַ גאַנצן פרק אין תורה שבעל-פה, ווי דער אַלטער רבי איז דאָס מדגיש כמה פעמים, איז אָט דער סיפור, אַז יעדערע פון די פיר אמהות,

וואָס יעדער אידישע טאָכטער ווערט דאָך אָנגערופן "בת שרה רבקה רחל ולאה", כדי זיך אָפּלערנען פון שרה'ן **אירע** מעשים מיוחדים, "כשם שאברהם מגייר את האנשים" איז "שרה מגיירת את הנשים", וואָס דאָס געפינט מען ניט, ניט באַ רבקה'ן, ניט באַ רחל, ניט באַ לאה'ן, על דרך זה איז דאָ פעולות וואָס מ'געפינט באַ רבקה'ן און מ'געפינט דאָס ניט ביי אַנדערע, על דרך זה באַ רחל, על דרך זה באַ לאה,

איז תורה שבכתב **מאריך** און **מבאר** און דערציילט **בפרטיות**, ווי אַזוי שרה האָט "**איינגעלייגט די וועלט**" האָט געהאַט טענות צו אברהם אבינו, און האָט אים ניט געלאָזט רוען: זי מוז האָבן קינדער! און ס'גייט אויף דערויף אַוועק אריכות הסיפור.

על דרך זה בהנוגע צו רבקה. על דרך זה בהנוגע צו רחל. על דרך זה אפילו באַ לאה, וואָס זי איז דאָך שוין געווען געבענטשט, "ותעמוד מלדת", האָט זי אויך דערנאָך ניט גערוט, אפשר וועט איר דער אויבערשטער בענטשן מיט נאָך קינדער – און האָט אויסגעפירט!

**יד.** וואָס כאמור, אויב יעדער אידישע פרוי און מיידל וויל זיך זיכער פירן זיך ווי די אמהות האָבן זיך געפירט אין יעדער פעולה אין וועלכע יעדערע פאַר-זיך האָט זיך אויסגעצייכנט –

על אחת כמה וכמה אין דעם צד-**השוה** שבהם, וואָס דער צד השוה גיט-אָפּ די תורה דערצו די חשיבות הכי גדולה, ביז וואַנענט אַז מ'לאָזט זיך ניט אויף אַ "**רמיזא** באורייתא", אַז ס'זאָל שטיין אין תורה מיט אַ רמז, און תורה שבעל-פה זאָל דאָס דערנאָך אָפּלערנען און מפרש זיין, [וואָס דאָס איז דאָך אויך "ניתן למשה מסיני"], נאָר מ'דערציילט דאָס בפירוש ובאריכות און מיט אַלע פרטים,

איז דערפון גופא פאַרשטאַנדיק, אויף וויפל דאָס איז אַ יסוד און אויף וויפל דאָס איז טוב אין פשוטו של מקרא, וואָס דאָס פועל'ט אויך אין פשוטם של דברים, אַז בשעת מ'פירט זיך, וכאמור ווי **יעדערע** פון די אמהות האָט זיך געפירט, על אחת כמה וכמה די צד-השווה שבכולם, על אחת כמה וכמה אין דעם יסוד **עיקרי** –

אָט דעמאָלט איז מען אויך זוכה, נוסף אויף די ברכת ה', אַז דער אויבערשטער בענטשט מיט בנים ובנות בעתם ובזמנם, און זיי ווערן געבאָרן בריאים ושלימים בגשמיות ובריאים ושלימים ברוחניות, און מ'האָט פון זיי דעם נחת בשלימות, סיי בגשמיות סיי ברוחניות, און מ'איז זיי מגדל לתורה ולחופה ולמעשים טובים מתוך הרחבה אמיתית,

און דאָס איז אויך מוסיף ביופי האשה **ברוחניות**, אויך אין יופי האשה **בגשמיות**, וואָרום דער אויבערשטער זעט אַז זי נוצט דאָס אויס "פנימה" – אין דעם אופן ווי דער אויבערשטער וויל און ווי דער אויבערשטער גיט כח אויף דורכגיין די נסיונות פון "שכנתה" ו"גרת ביתה" וכיוצא בזה,

און מ'טוט אין די אַלע ענינים מתוך שמחה וטוב לבב.

און ס'ווערט דעמאָלט, ווי דערמאָנט פריער, אַז מ'שטעלט-אויף בנים ובנות וואָס זיי זיינען "צבאות ה'", און מ'גייט מיט זיי צוזאַמען, און מ'זאָגט דעם אויבערשטן "ראה גידולים שגידלנו"!

און מ'ברענגט אַראָפּ משיח צדקנו, "בנערינו ובזקנינו .. בבנינו ובבנותינו",

במהרה בימינו ממש.

לחיים.

## ו. ב' חלקים משיחת יום ה' פ' בשלח, יו"ד שבט ה'תשמ"א

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

**א.** וואָס דער ענין פון "מן" איז דאָך געווען (ווי ער זאָגט אין דעם שיעור [חמישי פ' בשלח]) אַז דאָס איז "**לחם מן השמים**".

אַז ניט קוקנדיק אויף אַלע זיינע חשבונות, אַז אויב ער וועט זיך פירן על פי התורה ומצוותי' מיט אַ **הידור** מצוה, און זיין אָפּגעהיט פון השגת גבול, און ניט זאָגן ניט ווי דער אמת איז, וכיוצא בזה, און ניט אָנרירן אַ צווייטן באיזה אופן שיהי' – ווי אַזוי וועט ער האָבן פרנסתו? ער איז פאַרבונדן מיט "לחם מן הארץ"! –

זאָגט מען אים אַז **יעדער איד האָט צוגעגרייט "לחם מן השמים"**! און דער "לחם מן הארץ" איז דאָס מערניט ווי אַ **לבוש** וואָרום מ'דאַרף דאָך האָבן אַז "וברכך ה' אלקיך בכל אשר תעשה", טוט ער אַן עשי' וואָס איז פאַרבונדן מיט "לחם מן הארץ", אָבער מזונו איז, דער ענין פון "לחם מן השמים".

**ב.** ...וואָס מ'רעדט דאָך וועגן די ענינים פון משה בכל דור ודור ביז נשיא דורנו, וואָס ער האָט דאָך אויך איבערגעזאָגט בשם פון זיין זיידן, פון דער רבי'ן מהר"ש, אַז ער האָט געזאָגט, אַז פרנסה פון אַ אידן איצטער, איז מצד מעמד ומצב פון חשבונות טבעיים, איז דאָס בדוגמא פון דעם "מן", וואָרום ס'איז ניט אויסגעהאַלטן אַז דאָס זאָל זיין בדרך הטבע, נאָר דאָס איז בדוגמא ווי דער "מן" וואָס דאָס איז "לחם מן השמים".

וואָס דאָס איז מבטל די אַלע חשבונות, וכמבואר המשל בזה, אַז וואָס איז די פעולה אַז ער וועט אָנגרייטן אלערליי לבושים פאַר אַ קינד, בשעת דער קינד געפינט זיך במקום אחר?!

ווען איז די תועלת פון די לבושים, און ווען איז די תועלת אַז ער האָט אַ דירה נאה און כלים נאים, און האָפט אַז דערנאָך וועט דאָס אַריבערגיין, לאחר מאה ועשרים שנה, צו בניו וביתו אחריו, וואָס זיי שטייען במקום המוריש **ממש** –

איז דאָס ניט געווג און ניט דער עיקר איז, אַז מ'זאָל האָבן אַ סאַך געלט און די דירה און די נכסים – צום **אַלעם ערשטן** דאַרף ער באַוואָרענען **אַז ער האָט בנים ובנות**! און **דערנאָך** גרייט ער פאַר זיי לבושים לפי ערכם ולפי יכלתו ומעמדו, וואָס דערפאַר וויל ער אַז ס'זאָל זיין, ווי מ'וויל פאַר קינדער אַלס מערער און מערער, כלים נאים ודירה נאה וכו'.

וואָס על דרך זה איז אויך בפרנסת עצמו:

וואָס איז די פעולה אַז מ'מאַכט חשבונות, "מעשה ידי אדם ותחבולותיו", אַז ער וויל זיך אָנקלייבן אַזויפיל און אַזויפיל געלט, און ערשט דערנאָך וועט ער קענען טראַכטן וועגן מקיים זיין מצות ה' כדבעי, און מקיים זיין מצות ה' פון פרו ורבו, אין אַ אופן פון ומלאו את הארץ – בשעת ער גרייט צו דעם "לחם מן **הארץ**" וואָס איז מערניט ווי אַ **לבוש**, און ס'פעלט אין זיין גרייטן דער "לחם מן **השמים**", וואָס דאָס איז דורכדעם, וואָס ער מאַכט פון זיין לעבן – אַ הוראה און חיים ע"פ הוראה וואָס זי איז דבר ה', תורה מן השמים.

וואָס אָט דעמאָלט, אַז ער האָט דעם "לחם מן השמים", איז אָט דעמאָלט ווערט דער "לחם מן הארץ" לתועלת.

**ג.** און נאָכמערער – ווי ס'שטייט ביי אידן, און ס'שטייט אין גשמיות פון ארץ ישראל, וואָס דאָרטן זעט מען אידישקייט און אלקות בגשמיות בארץ מערער ווי אין חוץ לארץ:

זאָגט מען אַז דאָס איז "ארץ הצבי" – אַז לכתחילה בגשמיות איז דאָס אַ מקום קטן, בשעת ס'קומט אָבער צו ברוחניות – וואָס רוחניות לגבי ארץ ישראל איז דאָס **אידן**, איז אַז ס'קומט צו אַ איד – דאגה'ט דער אויבערשטער און טוט אויף לפועל, אַז אַ צבי איז "עורו גדל **לפי בשרו**".

אפי' אַז די חשבונות זאָלן זיין אויסגעהאַלטן – איז דאָס אויסגעהאַלטן ווען ס'וואָלט זיך ניט גערעדט וועגן "ארץ חפץ אתם לי", וואָס דאָס זאָגט דער אויבערשטער בנוגע צו יעדער אידן, ביז אַז דאָס איז "ארץ **הצבי**" – אַז יעדער איד דאַרף זיין "קל כצבי לעשות רצון אביו

שבשמים״,

און אט דעמולט, [איז] אפי׳ אַז בשעת מעשה איז ביי אים אַן ״עור קצר״, ווי ביי אים קומט אויס – אַז דער ״לחם מן הארץ״ איז ניט גענוג אויף אריינעמען אַ ריבוי פון ״מלאו את הארץ״ פון בנים ובנות –

האָט ער די הבטחה פון **תורת** אמת, געגעבן געוואָרן דורך **אלקים** אמת, וואָס ער איז דער **מנהיג** העולם, נוסף וואָס ער איז דער **בורא** העולם – אַז ״**עורו גדל לפי בשרו**״!

וואָס דערפאַר – איז די ראי׳ וואָס ער ברייגט, אַז ער האָרעוועט אין פרנסה און האָט ניט פאַרדינט אויף אזויפיל וויפל ער זאָל קענען אויסהאַלטן אַזויפיל און אַזויפיל קינדער, איז דאָך אַ סימן אַז ער איז געוווען גערעכט – ער איז געווען **אומגערעכט**!

וואָרום די פרנסה קומט ווי די גמ׳ זאָגט ״בא וככרו עמו״. אָט דאָס וואָס מ׳גיט אים פרנסה – [איז] אַזוי ווי דער אויבערשטער האָט אים געגעבן אַ קינד, איז דאָס דעם **אויבערשטן׳ס** אַ קינד, וואָס ער איז אַ שותף אין דעם קינד צוזאַמען מיט דעם אויבערשטן, און דער אויבערשטער גיט אים פרנסה **דערפאַר** וואָס ס׳איז דאָ דער קינד.

און בשעת ער איז מעכב – איז דאָס **שלאָגט** ער זיין אייגענע פרנסה!

**ד.** ס׳איז דאָ אַמאָל אַז דער אויבערשטער פאַרלאָזט זיך אויף אים, און גיט אים נאמנות, אַז ער וועט אים **פריער** געבן הרחבה אין פרנסה, וואָרום זיכער וועט ער וויסן און פאַרשטיין, אַז ער אליין דאַרף ניט האָבן אזויפיל, דאָס איז מערניט וואָס מ׳דאַרף האָבן און דאַרף אויסהאַלטן, ובשמחה ובטוב לבב, **בנים** לשון רבים **ובנות** לשון רבים עוסקות בתורה ומצוותי׳, דערפאַר קאָסט מערער דער חינוך, און האָט הוצאות נוספות מיט אַלע ענינים פאַרבונדן מיט אידישקייט, וואָס דער אויבערשטער וויל אַז ניט ס׳זאָל זיין ״חינם״, נאָר ס׳זאָל זיין דוקא על ידי מעשינו ועבודתינו – ״בכל אשר **תעשה**״ דוקא,

און ס׳איז דא אַמאָל וואָס דער אויבערשטער וויל אים אויספרואוון –

[נאָר] כדי מאַכן לייכטער דעם נסיון – באַווייזט ער אים, אַז אָט זעסטו אַ צווייטע משפחה וואָס האָט זיך ניט גערעכנט מיט אָט די חשבונות, וואָס זיי זיינען מערניט ווי ״**תחבולות**״ (בלשון פון דעם אַלטן רביין אין תניא), און תחבולות פון ״אֱנוש״, וואָס ״**אָנוש הוא**״! ער האָט ניט די געזונטקייט וואָס אידישקייט גיט אריין אין יעדער אידן, במילא אַז ער איז אַן אֱנוש – ״אָנוש״, במילא איז ניט נאָר אַז ביי אים איז דאָ דער שכל פון אַן אנוש, נאָר ס׳ווערט נאָך אַ ענין פון **תחבולות** –

אַזוי ווי ער זשאַלעוועט זיין טירחא, און וויל כמה ענינים של שטות, וואָס **ער אליין ווייסט** אַז דאָס איז שטות לגבי דער נחת וואָס ער אָדער זי וועט האָבן פון נאָך אַ קינד און פון **נאָך** אַ קינד, און פון נאָך **קינדער** לשון רבים – אף-על-פי-כן לאָזט ער זיך אַריין אין די ״תחבולותיו״!

און בשעת מעשה זאָגט מען אַז דאָס איז מערניט ווי ״תחבולו**תיו**״ – **ער** מיינט אַז דאָס איז אַ תחבולה, [אָבער] אָט דער **וואָס** קוקט אויף אים, זעט אַז דאָס איז פשוט אַ נאַרישקייט, און אַ נאָכגעגעבנקייט, און אַ ענין של שטות, פון רחמנא ליצלן ביי זיך צונעמען דעם נחת וואָס **מ׳קען** האָבן, און דער אויבערשטער **וויל** געבן, און וויל געבן **למעלה ממדידה והגבלה**, דורך **נאָך** אַ אינגעלע און **נאָך** אַ מיידעלע, און נאָך **בנים ובנות**, וואָס ער און זי וועלן זיי מחנך זיין בדרך התורה ומצוותי׳.

און די חשבונות – איז דער חשבון געזאָגט אין תורה שכתב, וואָס אפילו הצדוקים מודים בו, אַז אידן האָט מען געגעבן ״לחם מן השמים״, נאָך **פאַר** מתן תורה, איידער מ׳איז געוואָרן לומדים, האָבן זיי שוין געהאַט ״לחם מן השמים״, און דערנאָך זאָגט מען אַז התורה **נצחית** היא, אַז דאָס איז אַ הוראה לכל אחד ואחת עד סוף כל הדורות,

ובפרט נאָך אַז מ׳האָט דעם קלאָרן פתגם והוראה פון רביין מהר״ש דורך נשיא דורנו, אַז פרנסה פון אַ אידן בזמן הזה איז דאָס אין אַ אופן פון ״מן״ – ״לחם מן השמים״.

צוזאַמען וואָס מ׳דאַרף האָבן ״בכל אשר תעשה״ וואָרום אין סומכין על הנס – מ׳דאַרף אבער וויסן דעם **אמת** און ניט אָפּנאַרן זיך אַליין אַז דאָס איז דער עיקר, היפך וואָס מ׳זאָגט אַז ״**ברכת ה׳ היא תעשיר**״! און אויף ״בכל אשר תעשה״ דאַרף מען **ערשט** אָנקומען

צו "וברכך הוי' אלקיך",

און די ברכה איז אין אַ אופן – ניט נאָר "די מחסורו אשר יחסר לו", נאָר אויך "אתה **מחוייב לעשרו**" (ניט ווי ביי צדקה כפשוטה).

## ז. משיחת יום ג׳ פ׳ יתרו, ט״ו בשבט ה׳תשמ״א

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

**א.** איז דאָס וואָס מ׳לערנט אין היינטיקער סדרה [פ׳ יתרו], אַז בשעת ס׳איז געווען די גאַנצע וועלט איז געשטאַנען אין אַן אופן פון מקבל בגלוי, וואָס דערפאַר איז ״ציפור לא ציפצף״ און ״שור לא געה״, און וואָס האָט מען געהערט מכל ד׳ הצדדים ומלמעלה ומלמטה? – האָט מען געהערט ״אנכי״, און צוזאַמען דערמיט ״הוי׳ אלקי**ך**״ **לשון יחיד**, און צוזאַמען דערמיט, אַז וואָס איז דאָס פאַר אַ יחיד? – וואָס מ׳האָט אים געדאַרפט אָרויסנעמען ״מארץ מצרים״.

און מ׳זאָגט דאָס בחדא מחתא; ניט נאָר ווי די אַלע **עשרת** הדברות זיינען געווען ״בדיבור אחד״; אפילו ניט ווי דער גאַנצער ערשטער דיבור איז געווען בדיבור אחד, נאָר אין דעם ערשטן דיבור – שטייט דאָס אין דעם ערשטן פסוק, און ס׳שטייט בהמשך אחד,

און נאָכמערער: מ׳זאָגט, פאַרוואָס איז ״אנכי הוי׳ אלקיך״ – דערפאַר וואָס – ס׳איז אַ טעם אויף דערויף – ״אשר הוצאתיך מארץ מצרים״, ווי רש״י ברענגט דאָס אַראָפּ אין פשוטו של מקרא. דאָס הייסט, אַז אין דעם ערשטן דיבור, אין דעם ערשטן פסוק, איז דאָ אַ יחוד במיוחד צווישן די ענינים פון ״אנכי הוי׳ אלקיך״ מיט ״אשר הוצאתיך מארץ מצרים״.

וואָס בכללות איז דאָך דאָס, וואָס אָט דאָ זעט מען גדלות הבורא מיט גדלות פון אַ אידן.

– דער לשון הרגיל איז דאָך ״גדלות הבורא״ מיט ״שפלות האדם״, איז אָט דאָס גופא וואָס מ׳דערציילט אים וועגן גדלות הבורא, און ער איז זיך אין דערויף **מתבונן**, ביז וואַנענט ער ווערט איין זאַך דערמיט – ווערט ער אין אַן אופן פון ״צדיקים דומין לבוראן״; ווערט ער אין אַן אופן אַלס ״אדם – אדמה לעליון״, אין אַן אופן פון גדלות האדם.

ביז וואַנענט אַז מ׳זאָגט, אַז ״אנכי״ ווערט ״הוי׳ אלקיך״ – ״כוחך וחיותיך״, ווי מבואר דער פירוש המילות פון די שמות אין שולחן ערוך [וואָס דאָס באַווייזט דאָך, אַז דאָס איז אַ שוה לכל נפש], על אחת כמה וכמה ווי דאָס איז מבואר אין ספרי קבלה און דערנאָך אין ספרי חסידות.

**ב.** וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק: דערפון וואָס מ׳זאָגט ״הוי׳ אלקי**ך**״ לשון יחיד, ״אשר הוצאתי**ך**״ לשון יחיד, אַז בשעת מ׳קומט צוגיין און מ׳זאָגט, אַז ס׳איז דאָ קיין-עין-הרע ניט אַזויפיל אידן, איז וואָס וועט זיך דאָ אויפטאָן, אַז ס׳וועט געבאָרן ווערן נאָך אַ קינד, נאָך אַ קינד, נאָך אַ איד?

ובפרט נאָך אַז מ׳האָט די הבטחה, אַז ס׳איז אַלעמאָל דאָ ששים ריבוא מישראל. וואָרום דאָס איז אַ דבר הכרחי: ״בשביל ישראל שנקראים ראשית״ און דאָס איז אַ ראשי-תיבות ״יש ששים ריבוא״, איז אַלעמאָל אַ **הכרח**, אַז ס׳זאָל זיין על כל פנים ששים ריבוא מישראל, און מ׳זאָגט, אַז דאָס איז אַ מספר השלם,

דערנאָך קומט מען צוגיין און מ׳זאָגט: הער זיך איין, מ׳דאַרף זען אַז ס׳זאָל צוקומען נאָך אַ איד! וואָס כדי ס׳זאָל צוקומען נאָך אַ איד אַ בר-מצוה, דאַרף ער פריער געבאָרן ווערן איז ״יצא לאויר העולם״ אַלס אַ קטן, און די זעלבע זאַך באַ אַ בת-מצוה אַלס אַ קטנה.

בעט ער הסברה: וואָס איז דאָ אַזוי דער שטורעם?

משיח קומט באַלד, וואָרום ״ווי וואָנט משיח נאַו״, און ״כלו כל הקיצין״ – איז דאָך אַ דבר **ברור** אַז ער קומט, און ס׳וועט זיין די הבטחה זיכער מקויים ווערן ״בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו״, וכמדובר כמה פעמים, אַז קיין איין און איינציקער איד בלייבט ניט אין גלות; פונקט אַזוי ווי ס׳איז געווען באַ די גאולה הראשונה, באַ גאולת מצרים – אַזוי איז ״אראנו נפלאות״ אין די גאולה פון איצטיקן גלות.

מיטאַמאָל שטורעמט מען: הער זיך איין, [אָדער זי זאָל זיך איינהערן], אַז מ׳דאַרף טאָן כל התלוי בו, און לאָז דאָס איבער צו דעם אויבערשטן צי ס׳זאָל זיין אַן אינגעלע אָדער אַ מיידעלע, צי ס׳זאָל זיין תאומים אָדער תאומות אָדער אַ בן מיט אַ בת, און ווען זאָל דערנאָך

זיין די קינדער שלאחרי זה.

און מ׳איז נאָך מסביר, אַז דאָס איז נוסף וואָס דאָס איז די טובתו **הפרטית** פון דעם מאַן און פון דער פרוי – איז דאָס אויך **אַ טובה כללית פאַר כלל ישראל**, און **אַ טובה כללית פאַר כל העולם כולו!**

בעט מען הסברה: וואָס איז דאָ דער שטורעם?!

און דאָס איז דאָך ניט וואָס מ׳זאָגט, אַז דאָס איז אַ ״חוקה חקקתי״ – די מצוה פון ״פרו ורבו״ איז ניט קיין חוקה. ס׳איז אַ מצוה שבשכל, און מ׳זאָגט נאָך פירושים בזה, און ס׳שטייט אין תורה שבכתב ״ומלאו את הארץ וכבשוה״, מיט אַ גאַנצע אריכות הביאור וההסבר אין תורה שבעל פה.

**ג.** זאָגט מען, אַז אין הײַנטיקער סדרה [פ׳ יתרו] שטייט אויף דערויף אַ קלאָרער ענטפער, אַז בשעת אָט דער קינד וועט געבאָרן ווערן – איז צו אים האָט דער אויבערשטער געזאָגט באַ מתן תורה, וואָס דעמאָלט זיינען געווען אַלע נשמות שבגוף, און די נשמה פון דעם קינד וואָס וועט געבאָרן ווערן אין ניין חדשים אַרום,

האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו אָט דער נשמה בלשון יחיד: ״אנכי הוי׳ **אלקיך** אשר **הוצאתיך** מארץ מצרים״!

און האָט דאָס דערנאָך ניט נאָר אים געזאָגט וואָס ער האָט דאָס **געהערט**; ער האָט דאָס אַריינגעשריבן בתורה, און האָט געמאַכט דערפון – אין תורה גופא – די **עשרת הדברות** פון תורה, און אין די עשרת הדברות אין תורה – דעם **ערשטן דיבור** אין תורה, און אין דעם ערשטן דיבור בתורה – די **התחלה** פון דעם ערשטן דיבור!

און האָט דאָס דערנאָך מפרסם געווען, אַז בשעת ס׳וועט דורכגיין פינף טויזנט מיט זיבן הונדערט מיט איין און פערציק יאָר, און דערנאָך איז אין ניין חדשים אַרום וועט געבאָרן ווערן דער אינגעלע און די מיידעלע, דערנאָך וועט דורכגיין אַ איד און וועט דערזען דעם קינד ווי ער ליגט נאָך אין וויגעלע, ערשט געבאָרן געוואָרן – וועט אים אַ שיין טאָן אין קאָפּ: **אָט ליגט אַ קינד וואָס דער אויבערשטער האָט אים געזאָגט ״אנכי הוי׳ אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים״!**

און די גאַנצע מרכבה איז דערביי געשטאַנען; משה ואהרן ושבעים זקנים און ששים ריבוא מישראל זיינען דערביי געשטאַנען, און האָבן געהערט, צוזאַמען מיט שור וציפור וכו׳, ווי אַזוי דער אויבערשטער רעדט מיט אָט דעם קינד וואָס איז געבאָרן געוואָרן נשמתו אין אַ גוף למטה, אין שנת ה׳ אלפים תשמ״א, אין ניין חדשים פון איצטער!

**ד.** וואָס דאָס איז ניט אַן ענין פון **רזין דרזין**; ס׳איז ניט קיין ענין פון **רזי** תורה, ס׳איז ניט קיין ענין וואָס מ׳דאַרף אויף דערויף זיין אַ למדן און קענען כל הש״ס כולו, אָדער על כל פנים אַ האַלבן ש״ס, אָדער האָבן סמיכות אויף רבנות, אָדער על כל פנים לערנען אין ישיבה כמה וכמה שנים,

אַז מ׳ווייס נאָר פון אָט דעם פסוק, און מ׳ווייס אפילו דעם פסוק ווי ער איז איבערגעזעצט אין די שבעים לשון, וואָרום דעם לשון הקודש קען ער נאָך ניט, אָבער ער פרעגט זיך נאָך, צי די העתקה אין די שבעים לשון איז אַ מדוייקת,

וואָס אָט דעמאָלט מוז מען אים זאָגן, אַז דאָס וואָס ס׳שטייט בכמה העתקות בלשון רבים – איז דאָס מצד דער ווילדקייט פון ענגלישן לשון, אַז מ׳וויל ניט מחלק זיין אין זאָגן ״דו״, זאָגט מען אַ יחיד אויך ״יו״, לשון רבים.

בשעת אָבער מ׳איז מעתיק, וואָרום דאָס איז נוגע ער זאָל וויסן דעם אמת פון **תורת אמת**, זאָגט מען אים ״Thou״ בלשון יחיד אפילו אין ענגליש! ועל דרך זה בשאר הלשונות.

וואָס אָט דאָס איז די הסברה, וואָס מ׳דאַרף אויף דערויף ניט זיין קיין דובנער מגיד מיט משלים, און מ׳דאַרף אויף דערויף ניט זיין קיין גוואַלדיקער רעדנער און מאַכן מיט די הענט און טאַנצן מיט די פיס, און שפּרינגען פון איין פוס אויף דער צווייטער און מאַכן מיט אַלע-ערליי ענינים וואָס זיי זיינען מוסיף אין דעם חיות פון דעם נאום, פון דעם דיבור וואָס מ׳זאָגט מיט אַ צווייטן.

בשעת מ׳וועט איר זאָגן – און מ׳וועט אים זאָגן – דברים כפשוטם, אַרויסגענומען פון חומש, וואָס מ׳הויבט אָן לערנען ביי אַ בן חמש למקרא בכתב; מ׳דערציילט אים אָבער דערפון נאָך אַ סך פריער ווי ער ווערט בן חמש, אָדער על דרך זה בהנוגע צו די מיידעלע.

אָבער דער פאָטער מיט דער מוטער זיינען שוין מערער פון בר-מצוה און בת-מצוה, והא ראי׳ מ׳זאָגט, אַז זיי האָט מען געגעבן דעם זכות פון מקיים זיין אָט די מצוה, און אַראָפּברענגען אָט די נשמה וואָס האָט געהערט אַלס אַ נשמה דעם ״אנכי הוי׳ אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים״ מיט אַזויפיל יאָרן צוריק – זאָל זי זוכה זיין הערן דאָס אַלס אַ נשמה בגוף!

## ח. משיחת יום א׳ פ׳ במדבר, כ״ג אייר ה׳תשמ״ב (לנשי ובנות חב״ד)

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

**א.** וואָס דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק, ווי דערמאָנט פריער, דער גרעסטער זכות וואָס אַ אידישע מוטער האָט אין דעם וואָס מ׳האָט איר איבערגעגעבן די שליחות אויף ברענגען קינדער, אידישע קינדער אין דער וועלט, און מחנך זיין זיי, אַז זיי זאָלן געהערן צום ״ממלכת כהנים וגוי קדוש״.

און בשעת מ׳האָט דעם זכות און די מעגלעכקייט צו ברענגען נאָך אַ קינד און נאָך אַ קינד – איז דאָך פאַרשטאַנדיק דער העכסטער און גרעסטער גליק, און זכות, וואָס דאָס ברענגט מיט זיך,

צוזאַמען דערמיט וואָס דער אויבערשטער גיט כוחות, אַז מ׳זאָל זיי קענען ערציען, ווי דערמאָנט פריער בשמחה ובטוב לבב, וואָרום דער אויבערשטער איז איינער פון די דריי שותפים בשעת ס׳ווערט געבאָרן אַ קינד,

און זיכער אַז דער שותף איז ״לי הכסף ולי הזהב״, ער האָט די אַלע זאַכן וואָס ס׳איז נויטיק כדי דער קינד זאָל ערצויגן ווערן, וואָס ס׳איז פאַרבונדן אַמאָל מיט כסף וזהב, על אחת כמה וואָס ס׳איז פאַרבונדן מיט געזונט – איז ער דאָך דער ״רופא כל בשר ומפליא לעשות״, און אין אַן אופן וואָס ״לא אשים עליך״, אַז ס׳ווערן געבאָרן **מלכתחילה** געזונטע קינדער, און מ׳גיט זיי דעם געזונטן חינוך, די געזונטע ערציאונג – זיינען זיי געזונט אויך בגשמיות, בפשטות,

און מ׳האָט פון זיי געזונטן נחת, און מ׳נעמט-אויף דעם נחת געזונטערהייט און פרייליכערהייט, לאורך ימים ושנים טובות.

**ב.** וואָס דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק די צוגעגעבענע זכות און אחריות פון אַ אידישע טאָכטער, ובפרט בשעת זי האָט שוין חתונה-געהאַט, זען צו מקיים-זיין דעם ״פרוי ורבו ומלאו את הארץ״ – צו ברענגען אידישע קינדער אין דער וועלט, נשמות בגופים,

און טאָן דאָס בשמחה ובטוב לבב, וואָרום מ׳האָט דעם דריטן שותף, וואָס דאָס איז דער אויבערשטער אַליין, וואָס ער – ווי מ׳האָזט אין לשון המדינה – איז אַ זיכערע זאַך, אַז ער וועט ״נעמען קער״; ער נעמט אויף זיך די דאגה אויף באַזאָרגן דעם פאָטער מיט דער מוטער מיט די קינדער וואָס ווערן געבאָרן, צוזאַמען מיט די קינדער וואָס זיינען שוין דאָ אין דער וועלט, מיט אַלעם אין וואָס זיי נויטיקן זיך, אין אַ געזונטן אופן און אין אַ פרייליכן אופן...

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

**א. ...**און דאָס וואָס ס׳איז פאַרבונדן במיוחד מיט **נשי ובנות ישראל** אויסגעטיילט אין דעם – דער ענין פון נרות שבת קודש ויום טוב, און טהרת המשפחה, און מ׳נוצט דאָס אויף אויפשטעלן בנים ובנות אין אַן אופן פון ״פרו ורבו״, פאַרלאָזנדיק זיך אויפן אויבערשטן, אַז ווען דער אויבערשטער גיט אַ קינד – איז דאָס די גרעסטע ברכה און דער גרעסטער גליק וואָס דער אויבערשטער גיט דער מוטער און דעם פאָטער,

און די דאגות הפרנסה האָט אינגאַנצן קיין אָרט ניט, וויבאַלד אַז מ׳זעט אַז דער אויבערשטער האַלט-אויף אַ וועלט פון **פיר מיליאַרד מענטשן** – איז אַ זיכערע זאַך, אַז ס׳וועט צוקומען נאָך אַ קינד און נאָך אַ קינד און נאָך אַ קינד, און נאָך **מערערע** קינדער, איז ניט נאָר דאָס מאַכט אים ניט שווער חס ושלום, נאָר אדרבא – ס׳ווערט נולד אַ קינד ווערט שוין נולד צוזאַמען מיט אים דער צינור און דער כלי ממשיך [צו] זיין פרנסתו.

ואדרבא – דורך דערויף ווערט ניתוסף – ווערט צוגעגעבן – אין דער ברכה והצלחה פון דער גאַנצער משפחה, אָנהויבנדיק פון דער מוטער און פון דעם פאָטער און פון די ברידער און די שוועסטער, און אויך זיידעס און באָבעס.

**ב.** ...וואָס בפשטות מיינט דאָס, אַז מ׳זאָל זיך משתדל זיין, אָט די וואָס זיינען אין דעם גיל, בנוגע לעצמו – מקיים-זיין די מצוה פון ״פרו ורבו״, ביז ״ומלאו את הארץ״,

זיך ניט מישן דעם אויבערשטנ׳ס הנהגה, און פאַרלאָזן זיך אויף אים בפשטות ובתמימות, און ״תמים תהי׳ עם הוי׳ אלקיך״: אַז ער וועט שענקען אַ קינד – וועט דאָס זיין בעתו ובזמנו, און ס׳וועט זיכער זיין פאַרבונדן מיט רוב נחת אמיתי, ולאורך ימים ושנים טובות,

וואָס דאָס איז, כאמור לעיל, אַן עיקר׳דיקע ברכה פאַר אַ מוטער און פאַר אַ פאָטער, אויך פאַר די שוועסטער און ברידער וואָס זיינען דאָ בבית, ווי מ׳זעט דאָס בפשטות ווי אַזוי דאָס ברענגט אַריין שמחה ואורה בכל הבית כולו.

און ניט מבלבל זיין דאָס מיט די פיתוים און די הסתות פון דעם ״מלך זקן וכסיל״, וואָס ער וואַרפט אַריין חשבונות, וואָס זיי זיינען היפך פון אמונה פשוטה, אַז דער אויבערשטער איז זן בטובו ״בחן בחסד וברחמים״ כל העולם כולו.

ואדרבא, ווי דערמאָנט פריער, נוסף וואָס אַ קינד ברענגט מיט זיך זיין **אייגענע** פרנסה – ברענגט ער נאָך אויך אַ הוספה אין דער פרנסה פון **כל הבית כולו**.

און ווי גערעדט כמה פעמים די דוגמא, וואָס בשעת צוויי מענטשן הויבן-אויף צוזאַמען איין משא – איז דאָס מערער ווי צוויי מאָל פון אַ משא וואָס יעדערער הויבט-אויף בפני עצמו,

על דרך זה בהנוגע להמשכת הפרנסה: בשעת זי ווערט נמשך דורך צוויי מענטשן ביחד – איז דאָס מערער וויפל צוויי מאָל אַזויפיל ווי ס׳איז ממשיך יעדערער בפני-עצמו.

ועל דרך זה, אַז ס׳קומט-צו נאָך אַ נשמה בגוף בבית – ווערט נמשך, נוסף אויף זיין פרנסה, אויך אַ הוספה אין די פרנסת אביו ואמו ואחיו ואחיותיו.

**ג. ואשרי חלקן וגדול זכותן** פון די אַלע אידישע מוטערס וואָס האָבן זיך אַזוי אויפגעפירט **ביז איצטער**, וואָס וועלן זיך אַזוי אויפפירן **מכאן ולהבא**.

און דער אויבערשטער וועט זיי מצליח זיין, אַז בקרוב ממש וועלן זיי אַרויס בבניהם ובבנותיהם, און אין אַן אופן פון ״קהל גדול״, ובשמחה ובטוב לבב, און זאָגן ״ראו גידולים **שגידלנו**״: נוסף אויף דערויף וואָס זיי זיינען געבאָרן געוואָרן אין אַ אידישע הויז, האָבן זיי דערנאָך אויך זיי **ערצויגן** אין אידישקייט, אין אַן אידישן וועג פון ״נר מצוה ותורה אור״,

און משיח צדקנו, צוזאַמען מיט שכינתא, וועט זיי האָבן במיוחד – ווי דער לשון העולם – **באַגריסן** און **בענטשן** און **מצליח** זיין נאָך אין די לעצטע טעג פון גלות, על אחת כמה וכמה ווען ס׳וועט זיין דער ״ונגלה כבוד הוי׳ וראו כל בשר יחדיו כי פי הוי׳ דיבר״.

## י. משיחת ח״י אלול ה׳תשמ״ב

### הנחה פרטית בלתי מוגה

**א.** וואָס אָט דאָס איז אויך כמדובר בהנוגע לפועל, אַז לכאורה ווערט דאָך אַ שטורעם:

מ׳רעדט וועגן יום הולדת פון ״שני המאורות הגדולים״, און דערנאָך זאָגט מען, אַז דערפון דאַרף מען אָפּלערנען בהנוגע צו יום הולדת פון אַ פּיצל קינד! ער איז געוואָרן אַלט איין יאָר – דאַרף מען געבן לזכותו צדקה, דער פאָטער די מוטער, אָדער איינער פון זיי, זאָל עפּעס לערנען אַן ענין אין תורה,

און דער עיקר, והוא העיקר – זיי זאָלן זיך מתבונן זיין אין דעם גרעסטן גליק וואָס דער אויבערשטער האָט זיי געגעבן, און זיי געשענקט אַ נשמה מלמעלה, מיט אַ **גוף** קדוש, און האָט דאָס זיי פאַרטרויט דעם פקדון, אַז זיי זאָלן אים מחנך זיין און מדריך זיין בדרך העולה בית א-ל, אין דעם ריכטיקן דרך, ״אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך הוי׳״,

און דאָס זאָל באַ זיי אַראָפּקומען אין אַ מעשה בפועל, אַז וויפל זיי האָבן געטאָן אַ סך, און מיט השתדלות ויגיעה, אַז דער קינד זאָל וואַקסן ווי אַ אידיש קינד **דאַרף** וואַקסן – ווערט ביי אים אַ מציאות חדשה, אַ נייער צוגאַנג מיט אַ נייע השתדלות, שלא בערך לגבי די השתדלות וואָס זיי האָבן געהאַט **ביז** דעם יום הולדת פון דעם קינד.

וואָס אָט דער חידוש קען ווערן אפילו ביי אַ קינד בן שנתו.

**ב.** אף על פי וואָס מ׳טענה׳ט דאָך: ער פאַרשטייט דאָך ניט וכו׳ – איז תורה האָט געזאָגט נאָך גלייך ווי תורה איז געגעבן געוואָרן, אַז גלייך ווי אַ קינד ווערט געבאָרן איז שוין נוגע ווי אַזוי די עלטערן פירן זיך מיט אים, נאָך מערער – ס׳איז נוגע ווי אַזוי די עלטערן פירן זיך ניין חדשים **איידער** ער איז געבאָרן געוואָרן, און דאָס איז נוגע דעם קינד און די קינדס-קינדער עד סוף כל הדורות.

און בשעת דער קינד ווערט אַ מציאות בפני עצמה, ברגע שיצא לאויר העולם – איז אפילו ווען ער האָט נאָך ניט קיין שכל בגלוי אויף ווערן אַ מושפע פון דער הנהגה פון דעם פאָטער און פון דער מוטער – זאָגט תורת אמת, אַז נוסף אויף דערויף אַז ס׳איז פאַרשטאַנדיק בפשטות, אַז ס׳איז נוגע וואָס פאַראַ **אכילה ושתי׳** מ׳גיט אים, וואָרום דאָס ווערט ״דם ובשר כבשרו״,

– דערצו דאַרף מען ניט אָנקומען צו רמזים ולימודים; דאָס איז פאַרשטאַנדיק אין שכל הפשוט: אַז ס׳וועט דם ובשר כבשרו איז אַ נפקא מינא פון וואָס דאָס ווערט זיין ״בשר כבשרו״, אַז דאָס איז כשר און כשר ווי ס׳דאַרף צו זיין כשר פאַר אַ אידיש קינד –

זאָגט מען נאָך מערער: אָט דאָס ווי די מוטער און דער פאָטער פירן זיך במעמד ובמצב פון אַ פּיצל קינד – האָט דאָס אויף אים אַ **ווירקונג**, און אַז ״לא ראו קורות ביתי שערות ראשי״, ווי קמחית האָט געזאָגט – האָט דאָס אויפגעטאָן, אַז זי האָט געהאַט זיבן כהנים גדולים!

אַ כהן-גדול דאַרף ער זיין נאָך בר-מצוה, דאַרף זיין נאָך צוואַנציק יאָר, דאַרף שוין זיין אַ מבוגר, און דאַרף זיין ״הכהן הגדול מאחיו״,

זאָגט מען: אָט דאָס וואָס ער איז געוואָרן אַלס אַ גדול אַ כהן גדול – איז דאָס געווען פאַרבונדן דערמיט וואָס ״לא ראו קורות ביתי שערות ראשי״.

– ניט אַ **פרעמדער** האָט ניט געזען; ״קורות **ביתי**״. קיינער איז ניט געווען אין שטוב, ס׳איז אָבער געווען דער **אויבערשטער** דאָרטן, מיטן אויבערשטנ׳ס תורה, מיט דעם אויבערשטנ׳ס צניעות, האָט דאָס געווירקט אויף איר הנהגה, איז איר קינד, אין צוואַנציק יאָר אַרום, אָדער נאָך מערער לאחרי זה, האָט דערפאַר געוואָרן אַ כהן גדול!

**ג.** צוליב וואָס דערציילט דאָס תורה שבעל פה? מאי דהוה – הוה? געווען אַ אידישע פרוי, זי האָט געהייסן קמחית, אַ גרויסע צדקית וכו׳ וכו׳;

ס׳איז אָבער געוואָרן אַ חלק פון ״תורה״ מלשון הוראה, און תורה פון דעם ענין פון ״תורה אור״ – דאָס באַלייכט די וועג פאַר אַ אידישע מוטער, פאַר אַ אידישע פרוי און פאַר אַ אידישע מיידל עד סוף כל הדורות,

אַז דאָס וואָס זי פּירט זיך ווען זי געפינט זיך מערניט ווי זי און ״קורות ביתה״ – זעלבסט-פאַרשטענדלעך – דער אויבערשטער, דאָס דאַרף מען איר ניט מסביר זיין. אָבער זי שרייט: ס׳איז מערניט ווי זי און ״קורות ביתה״, איז וואָס איז דאָ אַזוי נוגע דער דיוק וכו׳ וכו׳ –

דערציילט תורת חיים, הוראה בחיים, אויף וויפל דאָס איז נוגע;

ניט נאָר **זיך**, וואָס ״הרגל נעשה טבע״: אַז מ׳טוט דאָס ווען קיינער איז ניטאָ אין צימער – דערנאָך קען מען זיך ניט איינהאַלטן, אָדער מ׳פאַרגעסט זיך, און מ׳טוט דאָס ווען **נאָך אימיצער** איז דאָ, דערנאָך טוט מען דאָס אין **הויף**, דערנאָך טוט מען דאָס אין **גאַס**, וואָרום ס׳איז געוואָרן אַ הרגל, ער באַמערקט דאָס גאָרניט,

זאָגט תורה נאָכמערער, אַז דערנאָך איז דאָס נוגע צו קינדער, און במילא אויך צו קינדס-קינדער. (פאַרשטאַנדיק, אַז ער איז געווען אַ כהן גדול אירער אַ זון – איז דעמאָלט דער דין אין כהונה גדולה, אַז בנו קודם לכל שאר הכהנים, אויב ער קען זיין אַ ממלא-מקומו).

## יא. משיחת אור לכ"ט אלול ה'תשמ"ב, ערב ר"ה ה'תשמ"ג

### הנחה פרטית בלתי מוגה

**א. ...**וואָס יעדער איד, וואָס ער איז אַן "עולם מלא", וואָס מ'לערנט דאָס אָפּ פון די ענינים פון ראש-השנה על כל השנים והדורות כולם, אַז אַן איין און איינציקער איד, און גלייך ווי ער ווערט געבאָרן,

וואָס דאָס איז דאָך דער גוואַלדיקער חידוש שבדבר:

ס'איז ניט דערפאַר וואָס ער האָט שוין געלערנט אַזויפיל תורה און מקיים-געווען אַזויפיל מצוות, ועל כל פנים "מלאים מצוות כרימון"; דער דין וואָס ער איז אַן "עולם מלא", מיט אַלע ענינים וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדן, פיקוח נפש וכו' – איז דאָס גלייך כשיצא לאויר העולם!

און מ'לערנט דאָס אָפּ און דאָס האָט משפיע געווען – אָט דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אדם הראשון אין אַן אופן מסויים, "**לפיכך** נברא האדם יחידי" – דערפאַר וואָס דער אויבערשטער האָט געוואָלט, אַז אַ איד, אין עקבתא דמשיחא, און אין "קצה השמים", און אין חוץ-לארץ, זאָל ער וויסן, אַז ער איז אַן "עולם מלא" – האָט ער דערפאַר **משנה** געווען די בריאה פון אדם הראשון לגבי די בריאה פון כל הנבראים כולם!

וואָס דאָס איז דאָך אויך כולל די נבראים שלמעלה: חיות המרכבה איז דאָ **פיר**, מלאכים איז דאָ "ריבוא רבבן", על דרך זה שאר הנבראים שלמעלה. על דרך זה נבראים שלמטה;

דער איין און איינציקער וואָס "נברא יחידי" – איז אָט דער וואָס ער איז בדוגמא פון "יחידו של עולם".

וואָס לכאורה איז דאָס אַ טעם מספיק –

זאָגט די משנה און די גמרא: ניין! מ'דאַרף האָבן "המעשה הוא העיקר": למאי נפקא מינה בהנוגע למעשה בפועל.

איז די נפקא מינה למעשה בפועל, אַז **איין און איינציקער אידישער קינד**, גלייך כשיצא לאויר העולם, קומט לאויר העולם אַן "עולם מלא"!

**ב.** וואָס דאָס איז נאָכמער מחזק המדובר כמה פעמים פון דעם גרויסן אויפטו פון "פרו ורבו":

אפילו ער האָט שוין מקיים-געווען די מצוה כפשוטה, ער האָט שוין אַ זון און האָט שוין אַ טאָכטער, על אחת כמה וכמה אַז ער האָט כמה בנים און כמה בנות –

זאָגט די משנה, [וואָס ס'איז ניט שייך זאָגן קיין טעות אין "דבר משנה"; "טעה בדבר משנה" איז קיין טעות ניט, ס'איז ניט שייך דאָרט קיין טעות]. זאָגט די משנה, אַז בשעת ס'קומט-צו נאָך אַ קינד – – ער האָט שוין אַ ריבוי בנים ובנות, איז בשעת ער איז זוכה און האָט דעם גליק – אָדער זי איז זוכה און האָט דעם גליק – אויף אַראָפּברענגען נאָך אַ אידישן קינד בעולם – ברענגט ער אַראָפּ אַן "**עולם מלא**"!

און ניט סתם עפּעס אַ וועלט, כ'וויס-וואָס פאַראַ וועלט, אַ גרויסע, אַ מיטעלע, אַ קליינינקע וכו' – זאָגט די משנה: ניין: דאָס איז אָט די וועלט ווי ס'איז געווען "**יצירך בגן-עדן מקדם**"!

אָט דאָס וואָס "אדם נברא יחידי" איז דאָס געווען נאָך איידער חוה איז געווען – דעמאָלט איז שוין געווען **שנים**; ווען איז ער געווען יחידי **בכל** הפרטים? – **איידער** חוה איז באַשאַפן געוואָרן. וואָס דאָס איז געווען "בגן עדן מקדם", קודם החטא.

וואָס דער גן-עדן פאַרשטייט מען אין וואָס פאַראַ דרגא ס'איז דעמאָלט געווען, דערפון אויך פאַרשטאַנדיק ווי אַזוי די **גאַנצע** וועלט איז געווען דעמאָלט.

זאָגט די משנה, און די גמרא איז דאָס מבאר בארוכה, אַז אַ פאָטער מיט אַ מוטער זיינע זוכה און זיי ברענגען נאָך אַ אידיש קינד אין דער וועלט – ברענגען זיי אין דער וועלט

אַריין דעם "גן עדן מקדם", מיטן גאַנצן סדר ההשתלשלות, וואָס ער איז דאָך "בשביל ישראל שנקראים ראשית".

**ג.** וואָס דאָס איז אויך כמדובר בהנוגע לעניננו, ווי געריעדט פריער בה[נוגע] צו ענינים שהזמן גרמא, און מ'וויל אַז ס'זאָל זיין אין "המעשה הוא העיקר",

וואָס דערפאַר באַגוגנגט מען זיך ניט מיטן טעם, לכאורה טעם הכי פשוט: וויבאַלד אַז מ'זאָגט אויף אדם, אַז ער איז "יציר כפיו של הקב"ה", און מ'זאָגט אויף אידן בכלל, אַז זיי זיינען "אדמה לעליון", איז פונקט אַזוי ווי דער **אויבערשטער** איז אַ יחיד – איז מובן בפשטות, אַז דער אדם דאַרף אויך זיין "נברא יחידי". פונקט אַזוי ווי דעם אויבערשטן קומט אַרויס פון תכלית הפשיטות – אַ ריבוי עצום, אַזוי איז אויך בהנוגע צו אַ אידן, "ומלאו את הארץ וכבשוה".

באַגנוגנט זיך ניט די משנה מיטן טעם הכי פשוט, און טוט-אויף אַן ענין נפלא, און אַן ענין נפלא וואָס איז נוגע אין הנהגה בפשטות, אין חייו פון אַ אידן עד סוף כל הדורות, ובכל קצוי ארץ.

דער ענין כפשוטו, וואָס לכל לראש בהנוגע צו הלכה איז דאָך דאָס **פשטות** ההלכה, דערנאָך איז דאָ די **רוחניות** הענינים, אַז בשעת דערנאָך זיינען זיי **מחנך** דעם קינד – דאַרפן זיי אים מחנך זיין ווי ס'איז געווען "יצירך בגן-עדן מקדם" ווען ער איז געווען "יחידי".

איי ער האָט דאָך אַ טירחה, און האָט מגדל געווען בנים ובנות לתורה ולחופה ולמעשים טובים, איז וואָס איז דאָ טאָמער אויף איין קינד וועט ער זיך ניט אַזויפיל שטורעמען – זאָגט מען, אַן איין און איינציק קינד איז דאָס "יצירך בגן-עדן מקדם"!

ואדרבא, פאַרוואָס איז באַ "יצירך בגן עדן" איז געווען אין אַן אופן פון "יחידי"? – דערפאַר וואָס אָט דער קינד וואָס איז געבאָרן געוואָרן ביי אָט דעם פּאָר-פאָלק איז ער אַן "**עולם מלא**", האָט דאָס אויפגעטאָן און האָט משנה געווען און האָט אַוועקגעשטעלט דעם אדם אין אַן אופן, אַז "נברא יחידי".

איז דאָך פאַרשטאַנדיק אויף וויפל ס'איז נוגע די השתדלות, אפילו אַז זי האָט אויפגעשטעלט (דורות) בנים ובנות עוסקים בתורה ומצוות, און זי איז געווען אַן "עזר כנגדו" מיטן גאַנצן שטורעם, איז אַז דער אויבערשטער בענטשט און איז מצליח און איז מוסיף אין די הייליקע שליחות, ער פאַרטרויט זיי אָן נאָך אַ קינד – איז דאָס אַ **נייער** "עולם", און אַן "עולם **מלא**", מיט אַלע פירושים וואָס ס'איז דאָ אין דעם וואָרט "מלא".

איי איז דאָך די שאלה: וואו נעמט מען כח? – איז ווי איז דאָס שייך צו זאָגן: אויף "יצירך בגן-עדן מקדם" האָט אימיצער געפרעגט פון וואָס וועט ער עסן און וואָס וועט ער זיין אָנגעטאָן און וואו וועט ער נעמען צרכיו. ס'איז גאָר מלכתחילה קיין קשיא ניט געווען ושאלה בדבר.

אַז מ'וועט פרעגן איצטער, וויסנדיק די אַלע בלבולים טלטולים בעולם – וועט קיינעם ניט איינפאַלן פרעגן קיין שאלה: בשעת דער אויבערשטער האָט באַשאַפן דעם אדם "יצירך בגן עדן מקדם" – וואָס האָט ער געטאָן כדי אים צו באַוואָרענען ער זאָל האָבן וואָס צו עסן און וואָס צו טרינקען און וואָס צו אָנטאָן, און וואו צו לעבן אוןביישטיין אַלע שוועריקייטן!

**ד.** און אָט דאָס זאָגט מען: דאָס איז יעדער איין און איינציקער קינד.

און ניט דער פשט "איין און איינציקער קינד" דער **ערשטער** קינד; דער איין און איינציקער קינד, [נאָר] **יעדער** קינד וואָס ווערט געבאָרן איז אַן איין און איינציקער באַ דעם אויבערשטן, כתורת הבעל שם טוב הידועה, דערנאָך מבואר על ידי רבותינו נשיאינו, אַז דאָס איז ווי אַ בן **יחיד** באַ הורים שנולד להם **לעת זקנתם**,

און דערנאָך איז פאַרשטאַנדיק, אַז דערנאָך איז דער אויבערשטער, ער גיט דעם זכות האָבן אָט די שליחות – גיט ער דאָס צוזאַמען מיט "קוי ה' יחליפו כח" מיט דעם כח פון דעם אויבערשטן, אויף קענען דורכפירן די שליחות בתכלית השלימות,

– בגשמיות, על אחת כמה וכמה אַז מ'גיט די כוחות רוחניים אויף קענען דורכפירן די תכלית השלימות אויך בהנוגע צו **רוחניות** גידול, אויסוואַקסן און האָדעווען פון דעם קינד.

נאָר דער אויבערשטער וויל, אַז מ׳זאָל דאָס טאָן **בבחירה וברצון הטוב**, ומתוך שמחה וטוב לבב – איז אויף דערויף האָט מען געגעבן די אַלע ביאורים והסברים, כדי מ׳זאָל דאָס טאָן סיי ״בכל לבבך״ און סיי ״בכל נפשך״, און אַ זיכערע זאַך – מיט ״בכל מאדך״.

אָנהויבנדיק, כאמור, אַז כל ענין וואָס איז נוגע איז אַן ענין של **הלכה** – איז לכל לראש איז נוגע, אַז ס׳זאָל זיין די הלכה **בפועל**, דער מעשה בפועל.

## יב. ב' חלקים משיחת יום א' פ' במדבר, כ"ה אייר ה'תשמ"ג (לנשי ובנות חב"ד)

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

**א.** בשעת מ'איז געווען אין מצרים זיינען געווען אַזוינע אידן וואָס זיינען געקומען מיט אַ חשבון, אַז מ'דאַרף זיך אויסרעכענען צי מ'דאַרף האָבן אַזויפיל קינדער, אָדער דער זמן – די צייט – איז אפשר ניט אויף אַזויפיל צוגעפּאַסט, און ס'דאַרף זיין אָט דאָס וואָס מ'האָט אָנגערופן "פלענינג", "פעמילי פלענינג" –

האָבן געזאָגט אידישע פרויען מיט דער גאַנצער פעסטקייט, אַז מיר זיינען פאַרבונדן מיט דער אמת'ער אמונה מיטן אויבערשטן, וואָס ער איז, צוזאַמען מיט **בורא** עולם – **באַשאַפער** פון דער וועלט – איז ער אויך דער **מנהיג** העולם, אָט דער וואָס פירט-אָן מיט דער וועלט אין טאָג-טעגלעכן לעבן, און ער איז דער וואָס "זן את העולם כולו בטובו בחן ובחסד וברחמים" –

דער גאַנצער ענין פון פרנסה, איז כאָטש דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז דאָס זאָל זיין **צוגעדעקט** און פאַרבונדן מיט אַ מעשה אין טבע, מיט טאָן אין אַ **טבעית'דיקן** אופן, און האָט אָנגעזאָגט "אין סומכין על הנס" –

כדי דאָס זאָל אָבער זיין, דאָס גופא, די מעשים טבעיים, די **נאַטירלעכע** פעולות אויף פאַרדינען אויף פרנסה, זאָל זיין מיט דער אמת'ע הצלחה, אַז מ'זאָל פאַרדינען וויפל מ'דאַרף, און נאָכמערער – כדי מ'זאָל קענען געבן צדקה ביד רחבה, און ס'זאָל ניט אַוועקגיין ח"ו קיין איין פרוטה אויף ענינים פון ניט-געזונטקייט, וואָרום "אני ה' רופאיך" איז "מלכתחילה לא אשים עליך" – וואַקסן אידישע קינדער אויף געזונטערהייט, אַז מ'דאַרף ניט אָנקומען צו דאָקטורים וכיו"ב,

און ס'גייט אַוועק די גאַנצע געלט וואָס איז פאַרבונדן מיט די קינדער, אַז זיי זאָל באַקומען אַ חינוך, אַ ערציהונג, וואָס ס'וועט זיין בתכלית השלימות, אין דער פולסטער שלימות וואָס ס'קען זיין, אין יראת ה' און אין אהבת ה', ניט רעכענענדיק זיך דערמיט וואָס אַמאָל פאַרלאַנגט דאָס מערער הוצאות ווי אַן איינפאַכער חינוך –

איז גיט מען דאָס דער **אויבערשטן'ס** געלט, וואָס דער אויבערשטער האָט מזכה געווען די עלטערן אַז זיי זאָלן זיין זיינע שלוחים, און ער **פאַרטרויט** זיי, אַז די געלט וואָס ער גיט זיי אויף הוצאות בניו ובנותיו לתלמוד תורה, כדי זיי זאָלן קענען דערציען די קינדער אין אַ תורה וועג, אָנהויבנדיק פון לערנען תורה און מקיים זיין מצוות – וועלן זיי מקיים-זיין זיין בקשה, און אָפּגעבן דעם פקדון וואָס זיי באַקומען פון דער אויבערשטער כדי איבערצוגעבן דאָס דער מלמד אָדער דעם בית-ספר וואָס ערציהט די קינדער אין אַ תורה וועג,

... ווי דער טבע פון עלטערן בנוגע צו קינדער, ווילן זיי דאָך פאַר זיי האָבן די **מקסימום**, די גרעסטע מאָס וואָס ס'קען זיין, אין אַלע גוטע זאַכן און איידעלע זאַכן און שיינע זאַכן,

איז אויב דאָס איז אַזוי אין צוזאַמענהאַנג מיט עסן און טרינקען און קליידער, און ענלעכעס, פאַרבונדן מיטן **גוף** – עאכו"כ, זיכער, אַז נאָך אין אַ **גרעסערער** מאָס דאַרף דאָס זיין אויף די מזון **הנשמה**, אויף די שפּייז וואָס די אידישע נשמה –

וואָס יעדער אידיש קינד האָט, און וואָס דער אלטער רבי איז מדגיש אַז דאָס איז אַ "**חלק אלוקה ממעל ממש**", אַז דאָס איז ממש אַ חלק פון געטליכקייט פון אויבן – האָט דאָס דער אויבערשטער אַריין געגעבן אין אַ אידיש קינד גלייך ווי ער ווערט געבוירן,

און ער האָט אָנפאַרטרויט דעם אידיש קינד, דער אינגעלע אָדער דעם מיידעלע, דעם מוטער און דער פאָטער, אַז זיי וועלן וויסן ווי אַזוי טייער צו האַלטן דער געטלעכן חלק, וואָס מ'האָט זיי אָנגעטרויט און מ'גליבט זיי, אַז זיי וועלן אים פאַרשאַפן אַלע זיינע נויטיקייטן, און זיי וועלן ערציהן דער "חלק אלוקה ממעל ממש" ווי ער דאַרף האָבן, דאָס הייסט – דער פאַרבינדונג זיינע, און דער ערוועקונג און דער מגלה זיין, דער **אַנטפּלעקונג** אין אים, אַז יעדער קינד איז אַ "חלק אלוקה ממעל ממש",

דערפאַר וואָס זינט מתן תורה האָט דער אויבערשטער געזאָגט "והייתם לי" – וואָס דאָס האָט דאָך אַ צווייענדיקן אָפּטייטש: אַז ער בעט אַז "איר **זאָלט** זיין" "לי גוי קדוש", און

דאָס איז אויך אַ הבטחה, אַ צוזאָג, "אַז איר **וועט** זיין ביי מיר אַ הייליגער פאלק",

וואָס דאָס איז אויך פאַרבונדן, אַז די עלטערן פאַרשאַפן אַלץ וואָס די **נשמה** פון דעם קינד דאַרף האָבן, גיט דער אויבערשטער אַלץ אויך וואָס די קינד דאַרף האָבן אויך **בגשמיות**,

וואָרום דער אויבערשטער האָט זיך איינגעשטעלט אין אַזאַ אופן אַז "שלשה שותפים יש באדם", אַז אין יעדער קינד איז דאָ דריי שותפים, דער פאָטער און דעם מוטער און דער אויבערשטער, וואָס אַ שותף דאַרף דאָך יעדערער געבן זיין חלק,

איז דער עיקר חלק וואָס דער פאָטער און דעם מוטער דאַרפן געבן דורך **זייער** השתדלות, איז דאָס איז פאַרבנודן מיט **זייערער** יראת שמים, וואָס דאָס הייגנט אָפּ אַן זייער בחירה – באַזאָרגן די אַלע נויטיקייטן פון דער **נשמה**,

און דער אויבערשטער, וואָס ער איז דער "זן ומפרנס לכל", גיט דער עיקר, דעם **גשמיות'דיקע** חלק – אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט ערציהן דעם קינד פאַרבונדן מיט געלט און מיט גשמיות און ענלעכעס,

און ער מאַכט דער פאָטער מיט דעם מוטער אַלס **שלוחים**, אַז זיי זאָלן אויסנוצן די געלט און די כחות וואָס ער גיט זיי אין דעם, אין אַמבעסטן אופן צוליב די גוטסקייט פון דער בעסערן צוקומפט פון דעם קינד.

**ב.** און די חשבונות וואָס ס'איז געווען באַ עטלעכע אידן **איידער** מ'האָט מקבל געווען די תורה און **איידער** מ'איז אַרויס פון מצרים, אַז מ'דאַרף אַ קוק-טאָן וואָס טוט זיך מיט גזירת פרעה, צי דאָס איז צוגעפּאַסט צו מקיים-זיין דעם אויבערשטנ'ס אָנזאָג "פרו ורבו", אָדער מ'דאַרף דאָס אָפּלייגן אויף שפּעטער, ווען ס'וועט ווערן לייכטער אין דער גזירת פרעה, אין פרנסה און ענליכעס –

דערציילט די תורה דערפון, כדי מ'זאָל וויסן, אַז אַזאַ מעגלעכקייט און אַזאַ טענה האָט געקענט זיין מערניט [ווי] פאַר מתן-תורה,

און ווער האָט דעמאָלט אויך מבטל געווען די טענה? – איז דאָס געווען אַ קליינע אידישע מיידעלע, מרים, וואָס זי איז געקומען צו איר פאָטער, און האָט אים געזאָגט, אַז וויבאַלד אַז ס'איז דאָ דער ענין פון אָנזאָג פון "פרו ורבו" – איז וואָס הייסט, ווי קען גאָר זיין מ'זאָל זיך רעכענען מיט גזירת פרעה, וואָס די וועלט אַרום זיי זאָגט,

און האָט גלייך געפּאָלגט אָט די מיידעלע, און ווער איז געבאָרן געוואָרן פון איר טענה, וואָס זי האָט געבראַכט אַן ערוואַקסענעם אידן, און אַ **גרויסן** אידן, און זי האָט אים געבראַכט אָט די טענה מיט אַ תמימות פון אַ קינד, איז דער ערשטער וואָס איז געבאָרן געוואָרן דורך דעם ביטול פון רעכענען זיך מיט די חשבונות – איז געבאָרן געוואָרן **משה**, **מושיען של ישראל**,

וואָס ער האָט דערנאָך אַרויסגענומען דעם גאַנצן אידישן פאָלק פון גלות מצרים, און האָט אים דערנאָך געפירט צו "תעבדון את האלקים על ההר הזה" – מקבל זיין די תורה ביים באַרג סיני, וואָס "משה קיבל תורה מסיני ומסרה" און האָט דאָס דערנאָך איבערגעגעבן אויף אַלע דורות, ביז אין אונזער דור אַריין, און ביז צו יעדערן פון אונז.

וואָס אַ סיפור אין תורה, אַן ערציילונג אין תורה איז דאָס ניט סתם אַן ערציילונג כדי מ'זאָל וויסן וואָס האָט געטראָפן אַמאָל, "למפרע" –

נאָר דאָס ווערט אַ הוראה, אַ טייל פון תורה, פון אָנווייזונג ווי אַזוי אַ איד דאַרף זיך פירן, אַז מ'האָט זיך לגמרי ניט וואָס צו רעכענען מיט גזירת פרעה, וויבאַלד אַז מ'האָט אַ קלאָרע אָנווייזונג פון דעם אויבערשטן,

אפילו לכאורה אין אַזאַ אָפּענעם זאַך, וואָס פרעה האָט געזאָגט "כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו", און צוזאַמען דערמיט האָט אַ קליינע אידישע מיידעלע געזאָגט, אַז מ'דאַרף זיך דערמיט ניט רעכענען,

קען מען דאָך טראַכטן פאַר-זיך: און וואָס וועט שוין זיין אַז ס'וועט געבאָרן ווערן אַן אינגעלע – סיי-ווי-סיי וועט ער דאָך ניט קענען ממלא-זיין "ומלאו את הארץ וכבשוה", וויבאַלד אַז מ'געפינט זיך אין גלות מצרים און גלות און פרעה האָט גוזר געווען, אַז ס'זאָל זיין "היאורה תשליכוהו" –

האָט מען געזען, אַז ס'איז **פונקט פאַרקערט**! אַז בשעת מ'האָט זיך **ניט** גערעכנט מיט

גזירת פרעה – איז געבאָרן געוואָרן אַ זון, אַ קינד, און ער האָט מבטל געווען די גזירת פרעה, און צוזאַמען דערמיט – דעם גאַנצן ענין פון גלות!

**ג.** וואָס דאָס באַווייזט נאָך אַ זאַך און נאָך אַ וויכטיקע אָנווייזונג, אַז בנוגע צו האָבן קינדער אין אַן אופן פון ממלא זיין "פרו ורבו", איז דאָס ניט אַ פריוואַטע אָנגעלעגנהייט פון די פּאָר-פאָלק, פון דעם פאָטער און מוטער; דאָס איז אַ זאַך וואָס איז נוגע **דעם גאַנצן אידישן פאָלק**.

און אויב חס ושלום **ס'פעלט** עפּעס אין דעם, איז ניט נאָר אַז מ'האָט **זיך** אַליין אָפּגעזאָגט, רחמנא ליצלן, פון אַן אייביקן פאַרגעניגן פון האָבן נאָך אַ קינד, וואָס דער קינד וועט האָבן קינדס-קינדער, וואָס זיי וועלן האָבן קינדס-קינדער, און אַזוי עד סוף כל הדורות – נאָר חס ושלום רחמנא ליצלן, מ'נעמט-צו אַ קינד וואָס האָט געקענט געבאָרן ווערן און ווערן אַ טייל פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק און ממהר זיין – צוהיילן – די **גאולה**,

וואָרום די גאולה פון איצטיקן גלות איז אויך פאַרבונדן מיט "יכלו כל הנשמות שבגוף": בשעת ס'וועלן געבאָרן ווערן אַלע אידישע קינדער וואָס דאַרפן געבאָרן ווערן אין זמן הגלות – אָט דעמאָלט קומט צוגיין משיח און נעמט אַרויס יעדער אידן און אַלע אידן און דעם גאַנצן אידישן פאָלק פון גלות,

און נעמט זיי אַרויס ווי געבראַכט אין דעם ספר פון רשב"י "מבי גלותא ברחמי" – אַז זיי גייען אַרויס מיט רחמים – אין אַ גוטן אופן, ווי ס'איז געווען אין "ימי צאתך מארץ מצרים", אַז אידן זיינען אַרויס פון גלות "ביד רמה".

## יג. משיחת וא"ו תשרי ה'תשד"מ

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

**א.** וכידוע אויך, אַלע חנה'ס ווערן דאָך גערופן דור אחר דור ביז מ'קומט צו דעם חנה הראשונה,

וואָס חנה הראשונה האָט זיך ניט געקענט באַגנוגענען מיט **קיין זאַך** – **זי דאַרף האָבן אידישע קינדער**! "**זרע אנשים**"! און האָט געוויינט און ניט געגאַנגען אין משכן צוליב דערויף, אין משכן שילה, כדי האָדעווען דעם קינד ווי ס'דאַרף צו זיין!

([וואָס] דורך דעם **ניט גיין** אָט די צייט אין משכן שילה, האָט זי אויפגעטאָן מיט דעם קינד – אַז דער קינד איז געוואָרן "וישב שם עד עולם"! אַ דבר והיפוכו!).

וואָס דערנאָך, ווערט דאָס דערנאָך אַ הוראה אין תורת חיים, אַ הוראה בחיים, אַז ס'איז תפקידה של כל אשה ובת בישראל טאָן כל התלוי בה בנוגע צו "פרו ורבו ומלאו את הארץ", און **נאָכמערער** – "**וכבשוה**".

אָבער דער "**כיבוש**" טוט זי דאָס **על ידי בעלה**, וואָרום "כבודה בת מלך – **פנימה**", זי פאַרנעמט זיך מיט אינעווייניקסטע זאַכן. גיין שלאָגן זיך וכיוצא בזה, "כיבוש" – דאָס איז אַ זאַך וואָס איז שייכות צו דער בעל, און צו דעם תוקף וואָס מ'האָט געגעבן דער זכר "דרכו לכבוש",

בנוגע אָבער צו "**פרו ורבו ומלאו** את הארץ", אָט דאָ שטייט ניט קיין חסר [כמו "וכבשֻה" חסר ו'], דאָס שטייט מלא, דאָס מיינט מעןביידע צוזאַמען, "פרו" לשון רבים, "ורבו" לשון רבים (ניט נאָר אויף די **ילדים** וואָס וועלן קומען, נאָר דער **ציווי** איז צו אַ רבים), און "ומלאו" לשון רבים (און דערנאָך "וכבשֻה", ווי דער גמרא זאָגט, חסר ו' כתיב) –

וואָס דאָס איז, כמדובר כמה פעמים, אויף אויפשטעלן גידולים בישראל, "בנינו ובנותינו", ביז וואַנענט אַז ס'וועט זיין "ומלאו את הארץ",

על ידי ההקדמה, אַז דאָס איז אין אַן אופן [פון] אַ **כשר'ע** הויז באכילה ושתי', אַ **ריינע** הויז בנוגע צו טהרת המשפחה, אַ **ליכטיקע** הויז על ידי נר שבת ויו"ט, וראש השנה, ויום הכיפורים, וימים טובים, ושמע"צ ושמח"ת וכו'.

## **יד. ב' חלקים משיחת י"ג תשרי ה'תשד"מ**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

**א.** איז דאָ אַ גאַנצע הפטורה פון דעם ערשטן טאָג ראש-השנה, וואָס דאָרט ווערט דער ערשטער מאָל דער נאָמען [שמואל] געבראַכט און דערציילט צוזאַמען מיט זיין פירוש, ווי איז דאָס געקומען צו אַזאַ נאָמען און וואָס איז דער מיינונג דערפון,

אַז ס'איז געווען אַ נביאה בישראל, וואָס בכמה ענינים איז זי געווען אָט די וואָס האָט **אָנגעהויבן** אין עניני נבואה, ווי בשם "צבאות" וכיוצא בזה,

און זי האָט געוואָלט האָבן אַ קינד, און האָט זיך מוסר-נפש געווען אויף דערויף, ווי גערעדט כמה פעמים, אַז זי איז ניט געגאַנגען אין שילה, אף על פי וואָס דאָס איז געווען מנהגה הטוב כמה פעמים – וויבאַלד אַז זי האָט גערעכנט אַז דאָס קען העלפן צו דער ערציאונג פון דעם קינד,

און אָט דעם קינד האָט מען אַ נאָמען געגעבן מיט דעם נאָמען – צום ערשטן מאָל ווי ס'ווערט דערציילט אין תורה, וואָס דאָס איז מלשון הוראה.

און מ'זאָגט גלייך דעם פירוש, אַז דאָס איז "שאלתיהו לה'".

וואָס אין דערויף איז דאָ דיביידע אָפּטייטשן: "שאילתיהו" – איך האָב אים **געליען**, און "שאילתיהו", "ושאלה אשה משכנתה" – פון לשון מתנה, **אָפּגעשענקט** לה'. [וואָס ביידע פירושים זיינען אין מפרשי התורה, צי אין דעם אָרט צי אין אַ צווייטן אָרט. וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז ביידע האָבן אַן אָרט].

**ב.** ...און מ'זאָגט דאָס אין תחילת השנה, דערציילט מען דעם גאַנצן סיפור, וואָס דאָס איז **דאָך מדגיש**, אַז דאָס איז אַן ענין וואָס איז נוגע צו הנהגה תמידית במשך כל השנה כולה.

צום אַלעם ערשטן – אויף וויפל מ'דאַרף איינלייגן די וועלט אויף האָבן קינדער!

און דאָ איז ניט דער פשט, אַז וויבאַלד אַז מ'האָט שוין י"ב שבטים, במילא האָט ער שוין יוצא-געווען לכל הדיעות,

– על פי שולחן ערוך איז דאָך גאָר גענוג אַזויפיל און אַזויפיל, על אחת כמה וכמה – ער פירט זיך ווי יעקב אבינו, האָט ער צוועלף שבטים און אַ טאָכטער –

זאָגט דער פסוק: "פרו ורבו ומלאו את הארץ **וכבשוה**": כל זמן ס'איז נאָך ניט נתקיים געוואָרן אָט די מצוה כפשוטה – איז אָט דעמאָלט איז אמת טאַקע קען ער זוכן פאַרענטפערן און תירוצים, אַז ער האָט שוין יוצא געווען, וואָרום אַזוי שטייט בפירוש אין שולחן-ערוך,

בשעת ער בלייבט אָבער מיט זיך אַליין, און מאַכט אַ חשבון-צדק בנפשו, ועל דרך זה די פרוי טוט דאָס – איז אָט דעמאָלט איז קיין ספק ניט צו וואָס פאַר אַ החלטה זי וועט קומען אָדער ער וועט קומען.

וכאמור – "בהדי כבשי דרחמנא למה לך": אַריינמאַכן אייגענע חשבונות: אַזויפיל און אַזויפיל האָט ער אויסגערעכנט, אשר לכן טוט מען ענינים המעכבים וכו' וכו' – טאַקע בהיתר, מיטן גאַנצן שטורעם שבדבר, מיט די שטאַרקייט שבדבר – אָבער ער ווייס, אַז דאָס איז אַ צוגעמאַכטע זאַך, און ניט דאָס איז דער ענין לאמיתתו וכפשוטו,

אַז ער מישט זיך ניט אָדער זי מישט זיך ניט אין דעם אויבערשטנ'ס חשבונות – איז דער אויבערשטער איז מקור הטוב און עצם הטוב און טבע הטוב להיטיב – וועט ער זיכער פירן בעתו ובזמנו ווען ס'דאַרף און וואָס ס'דאַרף וכו' וכו'. און אויב ס'דאַרף געווערן – וועט דאָס דער אויבערשטער זוכן וועגן דערצו, און בדרכי נועם,

ניט גיין טאָן ענינים וואָס אין כאן המקום להאריך בזה וואָס מ'טוט-אָפּ זיך און אַרום זיך, דורך אָט די חשבונות, און צו וואָס דאָס ברענגט **ברוחניות**, און ביז – וואָס דאָס ברענגט **בגשמיות** די אַלע חשבונות – צו זיך אַליין און צו דעם מאַן און צו דעם אַרום וכו', מ'רעדט שוין ניט וועגן אָט די וואָס קוקן זיך צו און קוקן און זוכן פירושים וכו', אָדער זוכן גאָר **ניט** קיין פירושים.

**ג.** און אָט דאָ זאָגט מען, אַז ס׳איז געווען דער ענין, אַז זי האָט דאָס געפּועל׳ט, און ״[אל] הנער הזה התפללתי״,

און וואָס האָט זי געטאָן מיטן קינד, מיטן זון? – האָט זי מיט אים געטאָן צוויי זאַכן:

זי האָט אים **גועליען** דעם אויבערשטן, – זי בלייבט די מוטער. על פי דין תורה, על פי תורת אמת, נאָר זי לייעט אים דעם אויבערשטן,

דערנאָך גיט זי אים אָפּ אויך **במתנה** צו דעם אויבערשטן.

וואָס דערמאָלט איז ער פאַרזאָרגט מיט אַלע ענינים: דעם אויבערשטן פעלט ניט, ״לי הכסף ולי הזהב״ כפשוטו, ״לי הכסף ולי הזהב״ ברוחניות, און יעדער זאַך וואָס ער דאַרף האָבן – באַקומט ער מבית מלכו של עולם.

וואָס דאַרף מען האָבן – די ערשטע זאַך ״**גועליען**״? וואָרום דאָס איז אַ זאַך וואָס תורה וויל, אַז ס׳זאָל זיין אַן ענין און אַ קשר צווישן אַ מוטער מיט קינדער, צווישן אַ פאָטער מיט קינדער, און דאָס איז אַזוי על פי תורה,

ובמילא, צוזאַמען דערמיט וואָס מ׳דאַרף זיכער האָבן אַז דער אויבערשטער זאָל טאָן – איז תורה מדגיש, און חסידות איז דאָס מדגיש נאָך מערער, אויף וויפל ס׳איז נוגע תפיסת ידי אדם, אויף וויפל ס׳איז נוגע אַז אַ איד זאָל טאָן, אַז ס׳זאָל זיין ניט חס ושלום נהמא דכסופא, און ניט דאָס איז מערניט ווי מ׳מאַכט אַן אָנשטעל – דאָס זאָגט אַזוי תורת אמת,

במילא איז דיביידע ענינים:

מ׳דאַרף האָבן אידישע קינדער, בפרט נאָך איז דאָס נוגע אַז משיח זאָל קומען **פריער** מיט אַ רגע, ״יכלו כל הנשמות בגוף״,

און די אידישע קינדער דאַרפן האָבן, אַז ניט נאָר זיי זיינען געבאָרן געוואָרן באַ אידישן פאָטער און מוטער, נאָר זיי זיינען אידישע קינדער **מצד עצמם** – אַזוי איז מען זיי מחנך, ביז וואַנענט אַז אין זיי ווערט נתגלה די גאַנצע מציאות פון אידישקייט; אָט דאָס איז זיין מציאות!

און אין דערויף איז דאָ דער ״ג׳ שותפין״ – אַזוי זאָגט תורת אמת: אַ שותף העיקרי איז טאַקע דער אויבערשטער, דערנאָך איז אָבער דאָ אַ שותף אב ואם, און ס׳איז דאָ ענינים וואָס זיי זיינען ״ג׳ שותפין״ על פי תורת אמת – דריי גלייכע שותפים,

במילא דאַרף מען האָבן אין דערויף זאָל זיין ״שאילתיהו״ פון לשון לייען.

**ד.** דערנאָך קומט-צו על פי הלכה זייער אַ געשמאַקע זאַך:

אַזוי שטייט דאָך, אַז דאָס איז אַן ענין וואָס מ׳גיט אויך אַ פקדון וואָס מ׳גיט די עלטערן, און געהערן געהערט דאָס צו דעם אויבערשטן; ער האָט זיי אָנגעטרויט דעם פקדון.

איז באַ שומרין איז דאָ ד׳ סוגים מיט ד׳ אופני דינים: אַ שומר חינם, און אַ שומר שכר, און אַ שוכר, און אַ שואל,

בשעת ער איז אַ שואל – איז אָט דעמאָלט איז אַ-מחי׳: **אַ שואל איז פטור פון אַלץ!** אויב ער איז ״שאלה בבעלים״:

וויבאַלד אַז דער ״בעל״ פון דעם דבר וואָס ער האָט געליען געפינט זיך אַלעמאָל מיט אים, ״הנה הוי׳ נצב עליו״ מיטן גאַנצן שטורעם שבדבר, איז וואָס ס׳זאָל ניט זיין און ווי אַזוי ס׳זאָל ניט זיין און ווי ער זאָל זיך ניט פירן – שרייט ער: ס׳איז ״שאלה בבעלים״! במילא איז ניט נאָר מ׳דאַרף אים חס ושלום ניט מעניש זיין; פאַרקערט – מ׳דאַרף אים נאָך באַלוינען פאַרוואָס ער האָט געהאַט דעם **צער**!

וויבאַלד אַז ער איז ניט שולדיק, והא ראי׳ ער דאַרף ניט צאָלן – איז פאַרוואָס האָט מען אים געדאַרפט פאַרשאַפן דעם צער?! – דאַרף זיין ״לפום צערא – אגרא״.

און דאָס איז אַ צער פון אַ בן מלך, בנו יחידו של מלך, של מלך מלכי המלכים – פאַרשטייט מען שוין וואָס פאַר אַן ״אגרא״ ס׳קומט אים דערפאַר.

**ה.** וכאמור – וואָס אָט דאָס איז דער ענין ווי אַזוי ס׳איז ״מלכתחילה אַריבער״:

אַז ס׳רעדט זיך וועגן אנשים **פשוטים**, כערכנו, קומט צוגיין צו זיי תורה און זאָגט זיי:

הערט זיך איין, דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אַ גאַנצע וועלט,

[און אַ וועלט ווי דער רבי מהר״ש איז מאריך בארוכה, ניט ס׳איז אחיזת עינים; ס׳איז אַ מציאות אמיתית, ווי ער איז מאריך בכמה דרושים],

און האָט געזאָגט, אַז די וועלט דאַרף מען איינגעמען, און ווי אַזוי קענט איר איינגעמען? – **קענט איר** איר דאָס איינגעמען, אַז ניט וואָלט מען אייך דאָס ניט געהייסן; ״אינו מבקש אלא לפי כוחו״,

ווי אַזוי איז די **התחלה** ווי אַזוי דאָס איינגעמען? – ״**פרו ורבו ומלאו את הארץ**״, און **דעמאָלט** וועט זיין ״וכבשוה״.

## **טו. משיחת י״א ניסן ה׳תשד״מ**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

**א.** אָנהויבנדיק פון ״אין ענין יוצא מידי פשוטו״ – פון דעם קיום המצוה פון ״פרו ורבו ומלאו את הארץ״ **בפשטות**,

ווי געוועדט כמה פעמים, דער גודל הברכה והזכות וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן עלטערן, אַז זיי זאָלן קענען מקיים-זיין זיין שליחות אין ״מלאו את הארץ וכבשוה״, דורך דערויף וואָס זיי וועלן מקיים זיין ״פרו ורבו״ – ברוחניות, אָבער דער **עיקר** איז מקיים-זיין **בגשמיות כפשוטה**.

און דער טענה וואָס וועט זיין מיט דער הוצאה און מיט דער פרנסה וכו׳ –

איז כמדובר כמה פעמים, אז אויב מ׳פירט זיך ווי דער אויבערשטער וויל, איז ביום השישי, וואָס דעמאָלט איז געגעבן געוואָרן דער ציווי פון ״פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה״, זאָגט די גמרא אין ״תורת אמת״, און ״תורת חיים״ – הוראה בחיים, אז דעמאָלט איז געווען ״**הכל מוכן לסעודה**״! מ׳האָט גאָרניט געדאַרפט האָבן קיין טירחא, ס׳איז געווען אַ פּאַרטיקע סעודה, און בשעת דער אדם איז באַשאַפן געוואָרן, דערנאָך חוה, און דערנאָך הבל ותאומות שלו וכו׳, איז שוין דעמאָלט געווען ״מוכן לסעודה״,

ניט ס׳איז געווען מוכן אויף זייען און דערנאָך שניידן און קוצר זיין און באַקן וכו׳ – סאיז שוין געווען א **פּאַרטיקע סעודה**.

וואָס אַלע סיפורי התורה, איז התורה היא נצחית – אַלס א **הוראה**:

וואָס דאָס לערנט יעדער מענטשן און אַלע מענטשן –

וואָס אויף יעדער מעטשן איז דאָך געזאָגט געוואָרן אַז ״למה נברא האדם יחידי?״ [איז דאָס] כדי אַז מ׳זאָל וויסן זיין, אַז אַ מענטש וואו ער זאָל זיך ניט געפינען, אין וואָס פאַר אַ מקום און אין וואָס פאַר אַ זמן, איז ער אַן ״**עולם מלא**״! וואָס דערפאַר איז דער **ערשטער** מענטש, אדם הראשון, באַשאַפן געוואָרן ״יחידי״ – אַז מ׳זאָל דערפון אָפּלערנען אַז יעדער מענטש איז אַן ״עולם מלא״,

וכמדובר כמה פעמים, ניט סתם ס׳איז אַ ״וועלט״, נאָר דאָס איז אַ ״עולם **מלא**״ – אַ **פולער** וועלט, ס׳איז ניטאָ **קיין ענין** וואָס ס׳זאָל דאָרטן פעלן.

[נאָר] דער אויבערשטער האָט געוואָלט מ׳זאָל מאַכן אויך א כלי בדרך הטבע – ״וברכך ה׳ אלקיך **בכל אשר תעשה**״, זאָגט [אָבער] תורת אמת, אַז ס׳וועט געבאָרן אַ קינד – ווערט מיט אים געבאָרן זיין פרנסה, און נאָכמערער – ער איז **מוסיף** אין דער פרנסה פון די בני-בית, פון דער **גאַנצע הויז**!

**טז. משיחת יום ב׳ פ׳ האזינו, ז״ך אלול ה׳תשד״מ (לנשי ובנות חב״ד)**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

**א.** און נאָכמערער, ווי מ׳זעט בפשטות אין טאָג-טעגלעכן לעבן, אַז בשעת ס׳קומט אַ ״מצוה הבאה לידך״, אַז מ׳האָט אַ געלעגנהייט אויף מקיים-זיין אַ מצוה,

אָנהויבנדיק פון דער **עיקר**-מצוות וואָס איז אָנפאַרטרויט געוואָרן אידישע פרויען, וואָס דאָס איז ״פרו ורבו ומלאו את הארץ״ –

הויבט מען אָן מאַכן, חס ושלום, חשבונות, אַז וואָס איז דאָ די היילעניש צו האָבן אַ קינד ווען מ׳איז נאָך יונג און פריש און שטאַרק; מאַכט ניט אויס, אַז דערווייל וועט ער זיך פאַרנעמען מיט אַנדערע גוטע זאַכן, און וועט מאַכן אַ ״פלעניניג״ פון דער ״פעמעלי״: ווען זי וועט ווערן עלטער, אָדער ער וועט ווערן עלטער, און וועט זיין איינגעאָרדנט מיט אַזויפיל און אַזויפיל געלט און אַזויפיל און אַזויפיל הייזער און אַזויפיל און אַזויפיל אייגענטום – וועט ער דעמאָלט אויך טראַכטן וועגן מקיים-זיין די מצוה פון ״פרו ורבו״!

זאָגט תורה, אַז דאָס איז די **ערשטע מצוה** וואָס שטייט אין תורה – שטייט די מצוה פון ״פרו ורבו״. וואָס **סדר** אין תורה איז אויך אַן אָנווייזונג.

**ב.** וואָס דאָ האָט מען אַ קלאָרע אָנווייזונג, אַז יעדער אידישע חתונה-געהאַטע פרוי האָט אַ **הייליקע שליחות**, אַז וויבאַלד אַז זי האָט חתונה-געהאַט ״כדת משה וישראל״, און מ׳האָט געזאָגט די אַלע שבע ברכות, און געבענטש דעם פּאָר-פאָלק, אַז ס׳זאָל זיין זייער לעבן ״בנין עדי עד״ –

דאַרפן זיי ניט אַריינמישן זיך מיט אייגענע חשבונות, כאָטש אפילו זיי זיינען שותפים מיטן אויבערשטן, ״ג׳ שותפים יש באדם״ – זיינען זיי **שותפים**, אָבער ניט אין דער זאַך פון מאַכן חשבונות פאַר דעם אויבערשטן, ווען ס׳איז די צוגעפּאַסטע צייט געבענטשט ווערן מיט אַ קינד, וואָס וועט מאריך ימים ושנים טובות זיין, און וועט האָבן געזונט און פרנסה מיט אַלע ברכות – וואָרום ער איז געבאָרן געוואָרן מיט טהרת המשפחה און אין דער צייט ווען דער אויבערשטער האָט געוואָלט,

און זייענדיק טאַקע אַ פולער ״שותף״ האָט ער זיך אין דערויף ניט געמישט! און זי האָט זיך אין דערויף ניט געמישט.

און מ׳האָט אויף וועמען מ׳פאַרלאָזט זיך, וואָרום מ׳פאַרלאָזט זיך אויף דעם **עיקר** ״שותף״, וואָס דאָס איז דער אויבערשטער.

## יז. ב׳ חלקים משיחת ו׳ תשרי ה׳תשמ״ה

### הנחה פרטית בלתי מוגה

**א.** אָט דאָס וואָס תורה האָט אָפּגעגעבן פרויען **די גרעסטע זאַך וואָס ס׳קען זיין**, וואָס די גרעסטע זאַך וואָס ס׳איז דאָ באַ ״גוי קדוש״ און בנוגע צו ״תורה צוה לנו משה״, אַז פון דעם דור וואָס איז געווען באַ מתן תורה, זאָל צוקומען אַ דור וואָס וועט גיין אין די זעלבע וועגן. און דערנאָך, פון דעם צווייטן דור וועט צוקומען אַ **דריטער** דור וואָס וועט טאָן אַזוי.

ווי אַזוי קען זיין אַ דור לאחרי דעם דור וואָס איז געשטאַנען באַ מתן תורה – מוז מען אָנקומען צו פרויען!

און ניט נאָר מ׳מוז צו זיי אָנקומען – זיי האָבן באַקומען די הייליקע שליחות: אַז ס׳זאָל זיין אַ המשך פון דעם דור פון מתן תורה, דאַרף זיין דער ״פרו ורבו״; אָן ווען ווען העגגט דאָס אָפּ – העגגט דאָס אָפּ בעיקר אָן פרויען.

וואָרום דער ענין פון דער שותפות פון דעם מאַן, פון דעם פאָטער, איז מערניט [ווי] בתחילה. דערנאָך איז דאָ די תשעה ירחי עיבור, און דערנאָך איז דאָ דער **צער** העיבור, און דערנאָך איז דאָ דער ענין הלידה צוזאַמען מיטן **צער** הלידה, וואָס אָט דעמאָלט איז די פרוי ממלא תפקידה **העיקרי**,

– און אַן עיקרי ניט נאָר פאַר איר; אַן עיקרי פאַר דעם גאַנצן קיום העולם, אָנהויבנדיק פון קיום פון דעם אידישן פאָלק, וואָס אָן דערויף איז תלוי דער קיום התורה! וואָרום ״תורה לא בשמים היא״, זי איז געגעבן געוואָרן דוקא בארץ דאָ למטה, און ס׳דאַרף זיין איינע פון די ערשטע מצוות ״ושננתם לבניך״,

ביז בפשטות, ווי אַ פשוט שבפשוטים זעט דאָס, און ניט-אידן זעען דאָס, אַז פרויען האָבן באַקומען די גרעסטע שליחות און די הייליקסטע שליחות וואָס ס׳קען זיין – אַז זיי זיינען די וואָס פאַרנעמען זיך און זיינען עסוק בזה תשעה ירחי עיבור: ניט קוקנדיק אויף די שווריקייטן וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדן – איז ״מלכותו ברצון קבלו עליהם״, טוען זיי דאָס מתוך עונג,

און וויסן דעם אמת, אַז זיי דערגרייכן דורך דערויף די **אייגענע** שלימות, און קיין אַנדערער, ווי גרויס ער זאָל ניט זיין, קען דאָס ניט טאָן, דערפאַר וואָס דאָס האָט דער אויבערשטער אָנפאַרטרויט בכוחו ובחכמתו וברצונו מערניט ווי צו פרויען.

**ב.** און דערפאַר, אַז ס׳קומט צוגיין אַ פרוי און בייט דאָס איבער, און הויבט אָן מאַכן חשבונות, אַז זי דאַרף זיין אַ פרוי וואָס זי קען פאַרדינען געלט און קען זיך מאַכן אַ שם בפני-עצמה, און מילוי תכליתה העיקרי והפנימי, און אַן עיקר פאַרן גאַנצן פאָלק און פאַר דער גאַנצער וועלט – אָט דאָס לייגט מען אָפּ ״לכשאפנה״:

בשעת זי וועט דערגרייכן די אַלע **טפל׳דיקע** זאַכן, און דערנאָך וועט זי נאָך האָבן כח און וועט נאָך האָבן צייט, און דער אויבערשטער וועט איר וועלן געבן די ברכה – אָט דעמאָלט וועט זי אָנהויבן טראַכטן און פלאַנירן: ווען דאַרף מען האָבן אַ קינד, און **וויפל** דאַרף מען אים האָבן, און ווי **אַזוי** דאַרף מען אים האָבן וכו׳.

אויף וואָס בייט מען איבער דעם ענין הכי עיקרי וענין הכי פנימי? – בייט מען דאָס איבער אויף ענינים וואָס בערך זה האָבן זיי לגמרי קיין תפיסת מקום ניט, ניט נאָר לויט דעם שכל פון נפש-האלקית, נאָר לויטן שכל פון נפש השכלית, אפילו לויטן שכל פון נפש הבהמית, אפילו לויטן שכל פון עמי-הארץ!

...בשעת מ׳האָדעוועט טעכטער, און מ׳וויל זיי איינרעדן חס ושלום, אַז זיי זאָלן וויסן זיין, אַז אין וואָס וועט באַשטיין זייער שלימות: אַז אַזוי ווי דער ברודער איז אַ גוטער סוחר, און אַ צווייטער ברודער האָט אַ שלימות אין אַן אַנדער מקצוע, איז צום אַלעם ערשטן דאַרף זי פאַרגעסן, אַז זי איז אַ מיידל, און האָט אויף זיך אַ שליחות ווערן אַן ״**עקרת הבית**״,

און ״עקרת הבית״ ווערט מען ניט בין-לילה; דאָס איז אַ זאַך וואָס מ׳דאַרף זיך דערצו גרייטן, דאַרף מען איינשטעלן דעם ענין החינוך פון אַ טאָכטער, אַז צום אַלעם ערשטן זאָל זי

וויסן זיין וועגן איר תפקידה העיקרי – חתונה-האָבן און פירן אַ אידישע הויז, און – אַ הויז אין וועלכע ס'וועלן זיין בנים ובנות עוסקים בתורה ומצוותי״.

און דער ״זן ומפרנס לכל״, און ניט סתם ״זן ומפרנס לכל״, נאָר ״בטובו בחן בחסד וברחמים״ – איז אַ זיכערע זאַך, אַז ער שפייזט אַזויפיל מיליאַרדן מענטשן אין דער וועלט, וועט ער שפייזן זיכער אָט די קינדער וואָס דער אויבערשטער וועט זיי בענטשן און ס'וועט קומען צו זיי אין הויז, און וועט זיי שפייזן – ״מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה״.

## יח. משיחת ט״ז אדר ה׳תשמ״ז

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

**א.** אין וואָס באַשטייט דער ״ועשו לי מקדש״, און וואָס איז דערצו דער תכלית (ווי אָפּגעטייטש אויך אין פשטני המקרא) – כדי ס׳זאָל זיין ״ושכנתי בתו**כם**״ – ״**בתוך כל אחד ואחת**״.

וואָס דער אויבערשטער **רוט** דאָך אין דער האַרץ פון **יעדער** אידן, און פון יעדער אידיש קינד, און וואָס גלייך תיכף ווי יצא לאויר העולם, איז גלייך דאָ דער אויבערשטער אין זיין קליינער הערצל,

וואָס אָט די קליינער הערצל פון דעם פיצל קינד, זאָגט ער אין תנ״ך, אַז ״השמים ושמי השמים **לא יכלכלוך**״, אַלע הימלען מיט דער דער גאַנצער ערד, מיט אַלע ענינים וואָס זיינען דאָ, קענען אין זיך ניט אַריינעמען דעם אויבערשטן, און בשעת עס ווערט געבאָרען אַ אידיש קינד, דער **ערשטער** רגע וואָס ער איז **ערשט געבאָרן געוואָרן** – זאָגט גלייך דער אויבערשטער ״ושכנתי בתוכם״ – אַז דער אויבעשטער מיט זיין גאַנצן עצמות ומהות, געפינט זיך אין אָט דער קליינער הערצל פון אָט דעם קליין קינד!

וויבאַלד אַז דאָס איז אַ אידיש קינד און ער שטאַמט פון אידישע עלטערן.

ובפרט נאָך, אַז עס שטייט נאָכמער בגלוי, אַז מ׳האָט (ווי דערמאָנט פריער) די מזוזה אויף דער טיר, און די ״שיר המעלות״ין אויף די ווענט וכיו״ב. אָבער (ווי דערמאָנט פריער) דאָס איז ניט קיין תנאי הכרחי, אפי׳ ווען ח״ו מאיזה סיבה שתהי׳, אָדער מצד אַן אונס ס׳הייגגט ניט אָפּ אָן אים, און ס׳פעלט אָדער אַ מזוזה אָדער די ״שיר המעלות״ – פעלט אָבער ניט ח״ו אין דער ״ושכנתי בתוכם״ –

דער אויבערשטער זאָגט, אַז ״ושכנתי בתו**כם**״ איז דורך ״ועשו לי מקדש״ – אַז דאָס איז ״**אינו זז לעולם**״! גלייך ווי אַ אידיש קינד ווערט געבאָרן – רוט אין אים דער גאַנצער אויבערשטער ווי ער שטייט מיטן גאַנצן שטורעם, וואס ״השמים ושמי השמים לא יכלכלוך״ – רוט ער אין דער הערצל פון אָט דעם קליינעם קינד!

וואָס דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק די גרויסע אחריות וואָס יעדער מוטער און יעדער פאָטער טראָגן פאַר יעדן פיצל קינד, אף על פי וואָס ס׳איז פאַרבונדן אַמאָל מיט אַ **טירחא**, און ס׳קען זיך גאָר אויסווייזן אַז דאָס איז אַ **גרויסע** טירחא, און ס׳קען גאָר זיין אַז ס׳איז **באמת** אַ גרויסע טירחא –

אָבער וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט דאָס, בשעת מ׳גיט אַ טראַכט, אַז אָט אָ-דאָ ליגט אַ קליין פיצל קינד, און אין זיין האַרץ געפינט זיך דער אויבערשטער, וואָס אַלע הימלען און די גאַנצע ערד קענען אים ניט אויפנעמען – געפינט ער זיך אין אָט דער האַרץ פון אָט דעם קינד וואָס ליגט אין דער וויגעלע אין אָט דעם קליינעם צימער!

איז וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט דאָס די אַלע טירחות מיט די גאַנצע שוועריקייטן וואָס מ׳דאַרף דורכגיין, אויב אפילו זיי זיינען **טאַקע** אמת׳ע שוועריקייטן – בשעת דורך דערויף ווייס מען, אַז דער קינד וועט זיין נאָכמער אידיש און וועט זיין נאָכמער ״געזונט״ ברוחניות און נאָכמער געזונט בגשמיות, וואָרום אידישע גשמיות איז דאָס אויך ״גוי קדוש״, אַז דער **גוף** שלהם איז קדוש,

און וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט דאָס די שוועריקייט; אדרבא, ס׳איז דער גרעסטער גליק און בפשטות פאַרשטאַנדיק פאַר אַ נפש הבהמית, אַז מ׳זאָגט דער מוטער אָדער דעם פאָטער, אַז בשעת דו וועסט מוסיף זיין אָט די און די אָנשטרענגונג – מאַכסטו **באַקוועמער** אָדער **לייכטער** אָדער **איינפאַכער** דעם לעבן אָדער די איבערלעבונגען אָדער דעם געפיל פון אָט דעם קינד, אין וועלכן דער אויבערשטער רוט אין אַזאַ אופן וואָס ״שמים ושמי השמים לא יכלכלוך״!

וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק בפשטות, דער גרעסטער אָנשטריינגונג וואָס מ׳דאַרף האָבן אויף חינוך בפשטות, און (ווי דערמאָנט פריער) וואָס מ׳דאַרף האָבן אויף חינוך אין דעם **אמת׳ן** זין פון חינוך, וואָס הויבט זיך אָן גלייך ווי אַ קינד ווערט געבאָרן,

[עאכו״כ ווען מ׳קען אַרויסהעלפן אַ **מוסד** חינוך, וואָס דאָרטן ווערן נתחנך **מערערער** אידישע קינדער, און בשעת אַסאַך קינדער לערנען צוזאַמען זיינען זיי דאָך מערער מצליח, ווי מ׳זעט דאָס אויך בפשטות, איז דאָך פאַרשטאַנדיק דער גרעסערער זכות וואָס מ׳האָט דערביי.

וואָס דערפאַר איז אויך אין דער צדקה וואָס מ׳מאַכט אַ שליחות בזה, איז דאָס אויך פאַרבונדן, אַ טייל דערפון וועט זיכער גיין, אויף ענינים פון שטאַרקן מוסדות חינוך]

אָנהויבנדיק פון חינוך עצמו, פון **זיך אליין** מחנך זיין, ווי גוט ער איז און ווי פאַר אַ גרויסער למדן ער איז, אָדער ווי אַ גרויסע למדנית **זי** איז, און פאַרשטייען מיט די גוטע הבנה אין חינוך – איז בשעת זיי באַטראַכטן זיך אַז זיי דאַרפן מחנך זיין אַ קינד אין וועלכן דער אויבערשטער זאָגט און איז **מבטיח**, און זאָגט אין תורת אמת ״ושכנתי בתו**כם**״ –

איז וויפל ער האָט געלערנט און וויפל ער האָט זיך ניט אָנגעשטרענגט, איז במה נחשב הוא לגבי דעם שכר און לגבי דעם זכות וואָס ער האָט, וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן אַ אידיש קינד, און ער האָט אים אָדער איר אָנפאַרטרויעט דעם חינוך און דער ערציהונג, ביז אין אַן אופן אַז ״גם כי **יזקין** לא יסור ממנו״, ער וועט האָבן פון אים נחת ווי דער קינד וועט שוין זיין אַ **זקן מופלג**,

וואָס דאָס איז דאָך אין זיך כולל די ברכה, אַז די עלטערן [וואָס] מוזן דאָך זיין עלטער פון די קינדער, עכ״פ מיט מערער ווי צען יאָר אָדער דרייצן יאָר אָדער אַכצן יאָר וכיו״ב, איז דאָך וויבאַלד אַז דער **קינד** איז ״יזקין״, און מ׳זאָגט אַז די עלטערן וואָס האָבן אים מחנך געווען וועלן האָבן פון אים דעם נחת ״גם כי יזקין״, איז דאָך פאַרשטאַנדיק די ברכה פון אריכות ימים ושנים טובות אויך פאַר די עלטערן.

**ב.** וואָס דאָס איז אויך מדגיש נאָכאַמאָל וואָס מ׳האָט גערעדט כמה פעמים, דעם ענין אַז דער **ערשטער** מצוה אין תורה [וואָס **סדר** אין תורה איז אויך אַ תורה און אַ הוראה און אַן אָנווייזונג און אַן אונטערשטרייכונג], אַז מ׳זאָל מקיים זיין די מצוה פון ״פרו ורבו״,

און אַז דער אויבערשטער גיט אַ מעגלעכקייט, אַז מ׳האָט געטאָן אַ גוטן שידוך, און מ׳האָט אַ געזונטן אידישן לעבן מיט טהרת המשפחה, און מ׳האָט נאָר אַ מעגלעכקייט – טוט מען כל התלוי **בו** אָדער **בה**, אויף מקיים זיין די מצוה פון ״פרו ורבו״, וואָרום דאָס איז דער ערשטער מצוה אין תורה,

און די דאגה פון פרנסה וכיו״ב – איז דאָך כמדובר לעיל, איז דאָס אינגאַנצן אַ שאלה און אַ דאגה וואָס האָט קיין אָרט ניט!

דער אויבערשטער געפינט זיך אין דעם קינד וואָס ווערט געבאָרן! און כדי דער אויבערשטער זאָל דאָרטן האָבן דער ״ושכנתי בתוכם״, דאַרף דער קינד זיין – ניט נאָר אַ **לעבעדיקער**, נאָר ער דאַרף זיין, ווי דער רמב״ם זאָגט ״היות הגוף **בריא ושלם**״, דאַרף דער קינד זיין **געזונט** און **גאַנץ** בכל ענייניו, סיי הרוחניים און סיי הגשמיים,

איז דער אויבערשטער כביכול מצד **זיך אליין**, ״**מוז**״ צושטעלן דער פרנסה צו דעם פאָטער מיט דעם מוטער, כדי דער קינד זאָל זיך האָדעווען און זיין אַ גוף ״בריא ושלם״, דאַרף ער האָבן אַ גוטן צימער, און אַ גוטן עסן און טרינקען, מיט אַ גוטן שימוש אַרום זיך וכו׳ וכו׳.

קומט צוגיין אַ יצר וואָס ער איז אַ ״מלך זקן וכסיל״, און וואַרפט אַריין אַ מורא?!

דער אויבערשטער געפינט זיך אין אָט דעם קינד, און ער וויל אַז דער קינד זאָל זיין ״ושכנתי בתוכם״, ״היות הגוף בריא ושלם״ – דאַרף דער מוטער אָדער דעם פאָטער דאגה׳ן צו דער אויבערשטער וועט קענען **זיך** באַוואָרענען מיט אַ דירה, וואָס דאָס איז דער ״גוף בריא ושלם״ פון אָט דער קינד?!

וואָס כדי דער **קינד** זאָל זיין ״בריא ושלם״, דאַרף ער האָבן אַ געזונטן **מוטער** און דאַרף האָבן אַ געזונטן **פאַטער**.

**ג.** וואָס אין די אַלע ענינים האמורים, ווי דערמאָנט פריער, איז ניטאָ קיין חילוק צווישן דער ערשטער וואָס האָט מקיים געווען ״פרו ורבו״, וואָס דאָס איז געווען אדם הראשון – ״יצור כפיו של הקב״ה״, ביז צו אַ אידן אין אונזערע צייטן, אין חוץ לארץ, ניט קוקענדיק אויף זיין מעמד ומצב בשאר כל הענינים, דאַרף ער אָפּהיטן האָבן אַ ריינעם אידישן כשר׳ן לעבן

מיט טהרת המשפחה, און מקיים זיין די מצוה פון ״פרו ורבו״ ווי דער אויבערשטער וויל,

און בשעת ס׳קומען צו גיין דאגות האמורות, איז דאָס אַ דאגה פון אַ **טיפש**, און אַ דאגה פון **כסיל**, און וואָס דערצו נאָך איז דער כסיל אַן **אַלטער נאַר**, אַ ״זקן וכסיל״ – איז דאָך אַ **בושה** און אַ **חרפה** אַז מ׳רעכנט זיך מיט אַ ״זקן וכסיל״, וועט ס׳רעדט זיך וועגן אַזאַ גליק, ווי דער אויבערשטער פאַרטרויעט אַ פאָטער און אַ מוטער, אַז זיי זאָלן ערציהן **זיינעם** אַ קינד,

וואָרום יעדער אידישן קינד, איז צום **אַלעם ערשטן** האָט ער ״**אבינו שבשמים**״, און דער אביו וואָס איז דאָ און דער אֵם וואָס איז דאָ זיינען זיינע שלוחים, וואָס ער האָט זיי געגעבן דעם זכות אַז זיי זאָלן מקיים זיין די מצוה וואָס זי איז דער ערשטער מצוה אין תורה, און מקיים זיין איר בשמחה ובטוב לבב.

## יט. ב' חלקים משיחת ליל ו' דחג הסוכות ה'תשמ"ח

### הנחה פרטית בלתי מוגה

**א.** ...וואָס דאָס איז דער אמת'ער נחת וואָס **מענטשן** האָבן, עאכו"כ וואָס **אידן** האָבן – ווען מ'איז געבענטשט מיט קינדער און קינדס-קינדער,

און דער אויבערשטער איז מצליח, וויבאַלד אַז מ'גיט זיי דעם חינוך המתאים, במילא האָט מען פון זיי **אמת'ן** נחת, וואָס דאָס איז אמת'ער **חסידישער** נחת,

ביז דער נחת "מלכתחילה אריבער" מיט די קינדער, אַז נאָך איידער ער הויבט זיי אָן מחנך זיין וכיו"ב – קומען זיי צוגיין צו אים, און שלעפן אים, אָדער דער מוטער, פאַר דער פאָלע, און מ'זאָגט: היתכן – האָסט מיר נאָך היינט ניט דערציילט קיין סיפור וועגן די אבות; האָסט נאָך מיר היינט ניט דערציילט קיין סיפור וועגן אַ תנא; האָסט נאָך מיר היינט ניט דערציילט אַ סיפור וועגן צדיקי עולם!

איז וואָס איז די תועלת דו גיסט מיר עסן און טרינקען און ווילסט יוצא-זיין פאַר מיר – איך דאַרף וויסן וואָס איז געווען מיט זיין זיידן, און וואָס איז געווען מיט זיין אור-זיידן, און וואָס איז געווען מיט אבות-האבות, אָנהויבנדיק פון אברהם יצחק ויעקב...

...און ער באַגנוגנט זיך ניט דערמיט וואָס ער מאַכט דאָס אָפּ כלאחר-יד, און דערציילט אים בקיצור –

דער טבע פון אַ קינד איז, אַז ער וויל וויסן מיט אַלע פרטים! וויל ער וויסן אַז דאָס רעדט זיך וועגן אברהם'ען און יצחק'ן און יעקב'ן, וואָס זיינען זיי געווען און וואָס האָבן זיי געהאַט נסיונות, צי זיי איז אָנגעקומען לייכט צי ניט, און צי האָבן זיי געהאַט אינזינען צו טראַכטן וואָס וועט זיין מיט זייערע אור-אייניקלעך (ביז אָט די אייניקלעך וואָס זיי זיינען **זיינע** אייניקלעך אָדער **אירע** אייניקלעך) – כדרך ווי מ'זעט באַ תינוקות בפשטות,

איז אויב זיי באַקומען אַ אידישן חינוך, וואָס דאָס איז דער **אמת'ער** חינוך,

און מ'רעכנט זיך ניט אויס מיט די "חכמה'לעך" פון "פלענינג", "פעמילי פלענינג" וכיו"ב, וואָס אין המקום להזכיר וועגן אַזאַ ענין אין אַ מקום קדוש,

און יעדער איד דאַרף געבענטשט ווערן, און טאָן כל התלוי בו ער זאָל ווערן געבענטשט, בבנים ובנות עוסקים בתורה ומצוותי',

**ובבנים ובנות** – דוקא לשון **רבים**, און בנים ובנות אַזוינע וואָס זיי זיינען מקיים "ומלאו את הארץ וכבשוה"...

## כ. משיחת י"א שבט ה'תשמ"ט בעת ה"יחידות כללית"

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

**א.** ...און מ'האָט אויף דערויף די ברכה מיוחדה וואָס נשי ובנות ישראל האָבן, בפרט אין דעם לעצטן דור פון גלות, וואָס דאָס איז דאָך אויך דער ערשטער דור פון גאולה בקרוב ממש –

אַז ווי ס'שטייט דאָך אין כתבי האריז"ל, אַז פונקט אַזוי ווי אין ימי צאתך מארץ מצרים איז דאָך "בזכות נשים צדקניות שבאותו הדור יצאו אבותינו ממצרים" – אַזוי וועט אויך זיין אין דער גאולה פון דעם **איצטיקן** גלות וואָס ער איז דאָך אויך "כימי צאתך מארץ מצרים",

און בפרט נאָך אַז זיי האָבן אויפגעשטעלט דורות בישראל פון בנים ובני בנים, ביז בנים קטנים און קטני קטנים, דורך דערויף וואָס "פרו וישרצו וירבו ויעצמו **במאד במאד**" – אַז אידישע פרויען, ובפרט אידישע מוטער'ס, און אזוי האָדעווען זיי אויך אויס זייערע טעכטער, אַז מ'זאָל זיך שטרעבן אַז ס'זאָל זיין בתים מרובות בבנים ובנות עוסקים בתורה ומצוותי' – געבענטשט זיין מיט זין און טעכטער וואָס זיי וועלן גיין בדרך התורה ומצוותי'.

און אויך באַווייזן אין דערויף אַ דוגמא חי' ווי אַזוי מ'טוט דאָס **בשמחה ובטוב לבב**,

– פונקט פאַרקערט ווי ס'איז דאָ אַזוינע וואָס קלייבן זיך ניט פאַנאַנדער, אָדער טראַכטן זיך ניט אַריין, אפילו אין אַן אופן שטחי, אַז דער **אויבערשטער** פירט די וועלט, און פאַרזאָרגט פרנסה פאַר דער **גאנצער** וועלט, על-אחת-כמה-וכמה – פאַר ישראל "עם קרובו",

על-אחת-כמה-וכמה בשעת דער "ישראל עם קרובו" שטייט אין אַן אופן גלוי, אַז מ'פירט זיך אין אַ **חסידישן** אופן אין טאָג-טעגלעכן לעבן...